STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03501

# UNDZER DEMOKRATISHE YERUSHE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אונדזער דעמאָקראַטישע ירושה



דזשאָרדזש וואַשינגטאָן



טאָמאַס דזשעפערסאָן

אַרויסגעגעבן פון
אידישן פאַרלאַג און פאָרשונגס-קאָמיטעט
1954

# אינהאַלט


1. פאָרוואָרט.

2. די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט ............... 3

3. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן .......... 8

4. די דעקלאַראַציע פון רעכט .................... 31

5. די פּראָקלאַמאַציע פון עמאַנציפּאַציע ................ 31

6. געטיסבורג אַדרעס פון אייבערהעם לינקאָלן ........... 33

# אונדזער דעמאָקראַטישע ירושה

## אַריינפיר

די דאָקומענטן פון אַמעריקעס דעמאָקראַטיע זיינען דער לעבנס־אָטעם פון אונדזער לאַנד, אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר די פאָלק־מאַסן אין זייער שווערן גאַנג צו פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם צוזאָג פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע אויף: „לעבן, פרייהייט און דער דראַנג נאָך גליק“.

די דאָקומענטן זיינען דאָס אייגנטום פון פאָלק, זיין לעבן־און פרייהייט־גאַראַנטיע. דעריבער מוזן מיר, וואָס לעבן אין אַ צייט, ווען די רעכט און די פרייהייט, וואָס דורות אַמעריקאַנער האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפט, ווערן באַדראָעט פון דער רעאַקציע — פון דאָס ניי זיך באַקאַנען מיט די היסטאָרישע אַקטן און מאַניפעסטן, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך דעם געראַנגל און די געווינסן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

די דאָקומענטן זיינען ניט קיין מוזעאום־חפצים, וואָס ווערן פּרעזערווירט אונטער אַ גלאָז. זיי זיינען וועג־ווייזער פאַרן פאָלק, דער עיקר פאַר יענע טיילן פון דער געזעלשאַפט, וואָס זיינען געצוואונגען צו פירן אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר מינימאַלע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע רעכט. די דאָקומענטן דאַרף מען ניט נאָר אָפּהיטן, נאָר פאַרטיידיקן פון די עלעמענטן, וואָס פּרואוון זיי פאַרטיליקן. דאָס איז געווען אמת אין יעדער איינציקער עפּאָכע פון אַמעריקעס אַנטוויקלונג, דאָס איז נאָך מער אמת אין דער איצטיקער צייט, ווען די רעאַקציאָנערן און מעקאַרטיס פאַרשוועכן די קאָנסטיטוציע און זוכן צו פאַרניכטן דעם „ביל אָוו רייטס“. זיי האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון היסטעריע און שרעק און מכשפה־געיעגן ביי אונדז אין לאַנד, זיי ווילן אַרויפצווינגען אויפן לאַנד די „שוואַרצע נאַכט פון שווייגן“ (ווי ריכטער דאָגלעס האָט עס באַצייכנט), כדי דאָס פאָלק זאָל ניט זען, ווי מען רויבט ביי אים צו די הייליקסטע דאָקומענטן, וואָס גאַראַנטירן זיינע רעכט, ווי מען נעמט ביי אים צו די פרייהייטן, וואָס עס האָט אויסגעקעמפט פאַר זיך אין משך פון הונדערטער יאָרן.

פאַר דעם אידישן פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע אָטעמען אַזעלכע דאָקומענטן ווי די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, דער „ביל אָוו רייטס“ פון דער קאָנסטיטוציע, די דעקלאַראַציע פון עמאַנציפּאַציע, מיט דעם שטענ־

דיקן צוזאָג אויף רעכט און פרייהייט, וואָס איז דער לעבנס־שטראָם פון אַמעריקע. ווען דער צוזאָג אויף פרייהייט און דעמאָקראַטיע ווערט געשטעלט אין געפאַר, פאַלט אַ שאָטן פון אומזיכערקייט אויפן לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, וועמענס צוקונפט און עקזיסטענץ קאָנען באַוואָרנט ווערן בלויז דאָרט, וואו די דעמאָקראַטיע איז געזיכערט און די פרייהייט פאַרפעסטיקט.

אַ באַזונדערע באַדייטונג האָבן די דאָקומענטן פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע איצט, אין 1954, ווען עס פאַלט אויס דער 300־יאָריקער יובל פון יידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דעם יאָר דאַרפן מיר ספּעציעל אונטערשטרייכן, אַז די אידן האָבן צוגעטראָגן זייער בלוט און שוויס צו די געראַנגלען און געווינסן פון פאָלקס־פרייהייט און רעכט, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין די הערלעכע מאַניפעסטן פון אַמעריקעס דעמאָקראַטיע, וואָס מיר ברענגען דאָ. זיי זיינען אויך אונדזער ירושה. מיר דאַרפן זיי טייער האַלטן, אָפּהיטן און — אין דעם יאָר פון 300־סטן יובל — פון דאָס ניי זיך ווידמען, צוזאַמען מיט אַלע פרייהייט־און דעמאָקראַטיע־ליבנדיקע מענטשן פון אונדזער לאַנד, צו פאַרטיידיקן און אויסברייטערן די רעכט און די פרייהייט, וואָס זיינען גאַראַנטירט געוואָרן דעם פאָלק אין די דאָקומענטן.

מיר דאַרפן זיך פון דאָס ניי ווידמען צום צוזאָג אויף פרייהייט, צום גייסט פון גלייכהייט, ברידערלעכקייט און פעלקער־שלום, וואָס איז אין זיי פאַרקערפּערט. צוליב דעם האָט דער „אידישער פאַרלאַג־און פאָרשונגס־קאָמיטעט“ גענומען אויף זיך די אויפגאַבע איצט צו פאַרעפנטלעכן די דאָקומענטן אין אידיש. מיר טוען עס מיטן פולסטן גלויבן, אַז אַ גענויע באַקאַנטשאַפט מיט זיי וועט שטאַרקן די פאַרשטענדעניש און די אַנטשלאָסנקייט ביי די אידישע פאָלקס־מאַסן זיי צו פאַרטיידיקן און אָפּצוהיטן. בלויז אַזאַ אַנטשלאָסנקייט קאָן גאַראַנטירן דעם אַמעריקאַנער פאָלק און אונדז אידן אַ געזיכערטע דעמאָקראַטישע צוקונפט.

# די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט

אָנגענומען איינשטימיק אין קאָנגרעס יולי 4, 1776

ווען אין לויף פון מענטשלעכע געשעענישן ווערט נויטיק פאַר איין פאָלק אויפצולייזן די פּאָליטישע בענדער וואָס האַלטן עס פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן, און צו פאַרנעמען צווישן די מדינות פון דער ערד דעם באַזונדערן און גלייכן שטאַנד, צו וועלכן די געזעצן פון דער נאַטור און פון דעם גאָט פון דער נאַטור באַרעכטיקן זיי, פאָדערט אַ ווירדיקע אַכטונג פאַר די מיינונגען פון דער מענטשהייט, אַז זיי זאָלן דערקלערן די סיבות, וואָס האָבן זיי געשטויסן צו דער שיידונג.

מיר האַלטן אָט די אמתן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלע מענטשן ווערן באַשאַפן גלייך, אַז זיי זיינען באַשאָנקען פון זייער באַשעפער מיט געוויסע ניט־אָפּנעמלעכע רעכט, אַז צווישן זיי זיינען לעבן, פרייהייט און דער שטרעבן נאָך גליק. אַז כדי צו זיכערן די דאָזיקע רעכט, ווערן רעגירונגען איינגעפירט צווישן מענטשן, וואָס באַקומען זייער גערעכטע מאַכט דורך דער צושטימונג פון די רעגירטע. אַז ווען נאָר אַ פאָרם פון רעגירונג הייבט אָן צעשטערן די דאָזיקע צילן, איז עס דאָס רעכט פון פאָלק זי צו ענדערן אָדער אָפּשאַפן און איינצופירן אַ נייע רעגירונג, אַוועקלייגנדיק איר פונדאַמענט אויף אַזוינע פּרינציפּן און אָרגאַניזירנדיק איר מאַכט אין אַזאַ פאָרם, וואָס זיי וועלן האַלטן ווי די פּאַסיקסטע צו פאַרווירקלעכן זייער זיכערקייט און גליק. פאָרזיכט וועט אַוודאי דיקטירן, אַז לאַנג עטאַבלירטע רעגירונגען זאָלן ניט געענדערט ווערן צוליב לייכטע און פאַרבייגייענדיקע סיבות, און אין איינקלאַנג דערמיט ווייזט די גאַנצע דערפאַרונג, אַז מענטשן זיינען מער גענייגט צו ליידן, כל־זמן די איבלען זיינען דערטרעגלעך, איידער זיך רעכטשטעלן דורך אָפּשאַפן די פאָרמען, צו וועלכע זיי זיינען צוגעוואוינט. אָבער ווען אַ לאַנגע ריי עוולות און גוואַלדטאַטן, נאָכפאָלגנדיק נאָכאַנאַנד דעם זעלביקן ציל, ווייזט אַרויס אַן אַבזיכט זיי צו אונטערוואַרפן אונטער אַבסאָלוטן דעספּאָטיזם, איז עס זייער רעכט, איז עס זייער פליכט אַראָפּצוואַרפן אַזאַ רעגירונג און זיך באַזאָרגן מיט נייע שוץ־מיטלען פאַר זייער צוקונפטיקער זיכערקייט. אַזאַ איז געווען דאָס געדולדיקע ליידן פון אָט די קאָלאָניעס; און אַזאַ איז איצט די נויטווענדיקייט, וואָס צווינגט זיי צו ענדערן זייער פריערדיקע סיסטעם פון רעגירונג. די געשיכטע פון דעם איצטיקן קעניג פון גרויס־בריטאַניע איז אַ געשיכטע פון ווידערהאָלטע עוולות און גוואַלדטאַטן, וואָס

אַלע האָבן זיי דעם דירעקטן ציל איינצופירן אַן אַבסאָלוטע טיראַניע איבער די דאָזיקע שטאַטן. כדי דאָס צו באַווייזן, זאָלן פאַקטן פאָרגעבראַכט ווערן פאַר אַן אויפריכטיקער וועלט.

ער האָט זיך אָפגעזאָגט צו געבן זיין צושטימונג צו די געזונטסטע און נויטיקסטע געזעצן פאַר דעם וואוילזיין פון פאָלק.

ער האָט פאַרבאָטן זיינע גאָווערנאָרס צו פאַסן געזעצן פון באַלדיקער און דרינגענדיקער וויכטיקייט, סיידן זייער אָנווענדונג זאָל פאַרהאַלטן ווערן ביז זיין צושטימונג וועט געגעבן ווערן. און ווען זיי זיינען אַזוי פאַרהאַלטן געוואָרן, האָט ער אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט זיך צו באַשעפטיקן מיט זיי.

ער האָט זיך אָפגעזאָגט צו פאַסן אַנדערע געזעצן פאַר דער באַדערפעניש פון גרויסע טיילן פון פאָלק, סיידן יענע מענטשן זאָלן אויפגעבן דאָס רעכט פון פאַרטרעטערשאַפט אין דער לעגיסלאַטור, אַ רעכט וואָס איז פאַר זיי ניט צום אָפשאַצן און איז געפערלעך בלויז פאַר טיראַנען.

ער האָט צונויפגערופן געזעצגעבערישע קערפערשאַפטן אין ערטער אומגעוויינלעכע, אומבאַקוועמע און ווייט פון פלאַץ, וואו עס ווערן געהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע דאָקומענטן, מיט דעם איינציקן צוועק זיי אויסצומאַטערן, כדי זיי זאָלן אויספאָלגן זיינע באַפעלן.

ער האָט נאָכאַנאַנד אויפגעלייזט די רעפּרעזענטאַטיווע קערפערשאַפטן דערפאַר, וואָס יענע האָבן מיט מענלעכער פעסטקייט זיך געשטעלט קעגן זיינע פאַרלעצונגען פון די רעכט פון פאָלק.

ער האָט זיך אָפגעזאָגט, אין משך פון אַ לאַנגער צייט נאָך אַזוינע אויפלייזונגען, צו דערלויבן דערוויילן אַנדערע; אַזוי אַרום האָט זיך די מאַכט פון געזעצגעבונג, וואָס קאָן ניט פאַרניכטעט ווערן, צוריקגעקערט צו דעם גאַנצן פאָלק פאַר זייער אָנווענדונג, בעת דער שטאַט איז געבליבן אויסגעשטעלט צו אַלע געפאַרן פון אַריינדרינגען פון דרויסן און אויפטרייסלונגען פון אינעווייניק.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן ניט צו דערלאָזן, אַז אָט די שטאַטן זאָלן ווערן באַפעלקערט; שטערנדיק פאַר דעם דאָזיקן צוועק די געזעצן פאַר דער בירגערשאַפט פון אויסלענדער; אָפזאָגנדיק זיך צו פאַסן אַנדערע געזעצן צו דערמוטיקן זייער איינוואַנדערונג אַהער און מאַכנדיק שווערער די באַדינגונגען פאַר נייע לאַנד־אַפּראָפּריאַציעס.

ער האָט געשטערט די אָנווענדונג פון יוסטיץ דורך אָפזאָגן זיך צו געבן זיין צושטימונג צו געזעצן פאַר דער איינפירונג פון יורידישער מאַכט.

ער האָט געמאַכט ריכטער אָפּהענגיק בלויז אָן זיין ווילן, אין זין פון אָנהאַלטן זייערע אַמטן און אין זין פון דער סומע און דער צאָלונג פון זייערע געהאַלטן.

ער האָט אויפגעשטעלט אַ מענגע נייע אַמטן און אַהער געשיקט מחנות באַאַמטע צו פּלאָגן אונדזער פאָלק און פאַרצערן זייער האָב און גוטס.

ער האָט געהאַלטן צווישן אונדז, אין צייט פון פרידן, שטענדיקע אַרמייען אָן דער צושטימונג פון אונדזער לעגיסלאַטור.

ער האָט געבראַכט דערצו, אַז די מיליטערישע מאַכט זאָל זיין אומאָפּהענגיק און העכער פון דער ציווילער מאַכט.

ער האָט זיך פאַראייניקט מיט אַנדערע צו אונטערוואַרפן אונדז צו אַ מאַכט, וואָס איז פרעמד צו אונדזער קאָנסטיטוציע און ניט אַנערקענט פון אונדזערע געזעצן; געבנדיק זיין צושטימונג צו זייערע אַקטן פון כלומרשטער געזעצגעבונג:

צו איינקוואַרטירן גרויסע מאַסן באַוואָפנטע מיליטער צווישן אונדז;

צו באַשיצן זיי דורך חוזק־פּראָצעסן פון שטראָף פאַר פילע מאָרדן, וואָס זיי וועלן באַגיין קעגן די איינוואוינער פון די דאָזיקע שטאַטן;

אָפּצושניידן אונדזער האַנדל מיט אַלע טיילן פון דער וועלט;

אַרויפצולייגן שטייערן אויף אונדז אָן אונדזער צושטימונג;

צו באַרויבן אונדז אין אַ סך פאַלן, פון די גונסטן פון משפט דורך געשוואוירענע;

צו טראַנספּאָרטירן אונדז איבערן ים, כדי געמשפט צו ווערן פאַר כלומרשטע פאַרברעכנס;

אָפּצושאַפן די פרייע סיסטעם פון ענגלישע געזעצן אין אַ שכנישער פּראָווינץ, איינפירנדיק דאָרט אַ רעגירונג פון ווילקיר און אויסברייטערנדיק אירע געזעצן אַזוי, אַז זי זאָל אויף אַמאָל ווערן אַ מוסטער און אַ פּאַסיקער אינסטרומענט פאַר דער איינפירונג פון דער זעלביקער אַבסאָלוטער הערשאַפט אין אָט די קאָלאָניעס;

אָװעקצונעמען אונדזערע כאַרטיעס (טשאַרטערס), אָפּצושאַפן אונדזערע ווערטפולסטע געזעצן און צו פאַרענדערן פונדאַמענטאַל די פאָרמען פון אונדזערע רעגירונגען;

צו סוספּענדירן אונדזערע אייגענע לעגיסלאַטורן און צו דערקלערן זיך ווי פולמעכטיק צו פאַסן געזעצן פאַר אונדז אין אַלע פאַלן.

ער האָט דאָ אויפגעגעבן די רעגירונג דורך דעם, וואָס ער האָט אונדז דערקלערט אויסער זיין שוץ און האָט פאַרפירט מלחמה קעגן אונדז.

ער האָט געפּלינדערט אונדזערע ימים, פאַרוויסט אונדזערע ברעגן, פאַרברענט אונדזערע שטעט און אומגעבראַכט די לעבנס פון אונדזערע מענטשן.

אין דער איצטיקער צייט טראַנספּאָרטירט ער גרויסע אַרמייען פון אויס־לענדישע געדונגענע סאָלדאַטן צו פאַרענדיקן די אַרבעט פון טויט, פאַר־וויסטונג און טיראַניע, וואָס איז שוין אָנגעהויבן געוואָרן אונטער באַדינ־גונגען פון גרויזאַמקייט און פאַרראַט, וואָס האָבן צו זיך קוים אַ גלייכן אין די באַרבאַרישע צייטן און זיינען אינגאַנצן אומווירדיק פאַר דעם הויפּט פון אַ ציוויליזירטער מלוכה.

ער האָט געצוואונגען אונדזערע מיטבירגער, וועלכע זיינען געפאַנגען געוואָרן אויף די ברייטע ימים, צו טראָגן געווער קעגן זייער לאַנד, צו ווערן תּלינים פון זייערע פריינט און ברידער אָדער אַליין אומצוקומען דורך זייערע הענט.

ער האָט אויפגעהעצט אינערלעכע אויפשטאַנדן צווישן אונדז און האָט זיך פאַרמאָסטן צו ברענגען אויף די איינוואוינער פון אונדזערע גרענעץ־געגנטן די אומדערבאַרעמדיקע,ווילדע אינדיאַנער, וואָס זייער באַקאַנטער כּלל פון קריג־פירונג איז די פאַרניכטונג, אָן אונטערשייד, פון מענטשן פון יעדן עלטער, געשלעכט און שטאַנד.

אויף יעדער שטופּע פון אָט די אונטערדריקונגען האָבן מיר געבעטן אויף דעם עניוּתדיקסטן אופן, אַז די אומרעכטן זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן. אויף אונדזערע כּסדרדיקע ביטעס האָט ער געענטפערט מיט ווידערהאָלטע עוולות. אַ הערשער, וואָס זיין כאַראַקטער איז אַזוי אַרום באַצייכנט דורך אַלע אַקטן, וואָס זיינען סימנים פון אַ טיראַן איז ניט צוגעפּאַסט צו זיין אַ הערשער פון אַ פריי פאָלק.

אויך האָבן מיר ניט געפעלט אין אונדזער אויפמערקזאַמקייט צו אונ־דזערע בריטישע ברידער. מיר האָבן זיי געוואָרנט פון צייט צו צייט וועגן די פאַרזוכן פון זייער לעגיסלאַטור אויסצושפּרייטן אַן אומבאַרעכטיקטע אוי־טאָריטעט איבער אונדז. מיר האָבן זיי דערמאָנט וועגן די אומשטענדן פון אונדזער אויסוואַנדערונג און באַזעצונג אין דעם לאַנד. מיר האָבן זיך געווענדט צו זייער איינגעבוירענעם יושר און גרויסמוט. און מיר האָבן זיי באַשוואוירן דורך דעם בונד פון אונדזער געמיינשאַפטלעכער פאַרוואַנד־שאַפט זיך אָפּצוזאָגן פון די דאָזיקע גוואַלטאַטן, וואָס מוזן אומפאַרמיידלעך איבעררייסן אונדזערע פאַרבינדונגען און פאַרקער. אויך זיי זיינען געבליבן טויב צו דער שטים פון גערעכטיקייט און בלוט־פאַרוואַנדשאַפט. מיר מוזן דעריבער איינגיין אויף דער נויטווענדיקייט, וואָס דערקלערט אונדזער שיי־דונג, און זיי באַטראַכטן אַזוי ווי מיר באַטראַכטן אַלע אַנדערע מענטשן, פאַר שונאים אין קריג; און אין פרידן — פריינט.

דעריבער טוען מיר, די פאַרטרעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פאַרזאַמלט אין אַלגעמיינעם קאָנגרעס — מיט אַ ווענדונג צום אַל־העכסטן ריכטער פון דער וועלט וועגן דער גערעכטיקייט פון אונדזערע אַב־

זיכטן — פייערלעך מעלדן און דערקלערן, אין נאָמען און דורך דער אויטאָריטעט פון די גוטע מענטשן פון די דאָזיקע קאָלאָניעס, אַז די דאָזיקע פאַראייניקטע קאָלאָניעס זיינען, און דאַרפן מיט רעכט זיין פרייע און זעלבסטשטענדיקע שטאַטן; און אַז זיי זיינען פריי פון יעדער געטריישאַפט צו דער בריטישער קרוין און אַז יעדע פּאָליטישע פאַרבינדונג צווישן זיי און דער מלוכה פון גרויס־בריטאַניע איז און דאַרף זיין אינגאַנצן אויפגעלייזט; און אַז ווי פרייע און זעלבסשטענדיקע שטאַטן האָבן זיי די פולע מאַכט צו פירן מלחמה, צו שליסן פרידן, צו מאַכן אַליאַנצן, צו עטאַבלירן האַנדל און צו טאָן אַלע אַנדערע אַקטן און זאַכן, וואָס זעלבשטענדיקע שטאַטן מעגן מיט רעכט טאָן. און פאַר דער שטיצע פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, מיט אַ פעסטן בטחון אין דער שוץ פון דער געטלעכער השגחה, פאַרפליכטן מיר געגנזייטיק איינע צו די אַנדערע אונדזערע לעבנס, אונדזערע פאַרמעגנס און אונדזער הייליקע ערע.

דזשאַן אַדאַמס
סעמיועל אדאמס
דזשאָסייע בארטלעט
קאַרטער בראַקסטאָן
טשאַרלס קאַראָל
סעמיועל טשייס
אייברעהעם קלאַרק
דזשאָרדזש קליימער
וויליאם עלערי
וויליאם פלאָיד
בענדזשאַמין פרענקלין
עלברידזש דזשערי
באטאן גווינעט
ליימאן האָל
דזשאן הענקאק
בענדזשאַמין העריסאָן
דזשאן האַרט
דזשאָזעף היוז

טאָמאַס הייווארד, דזשוניאר
וויליאַם הופּער
סטיפען האפקינס
פרענציס האפקינסאָן
סעמיועל האָנטינגטאָן
טאָמאַס דזשעפערסאָן
ריטשאַרד הענרי לי
פרענציס לייטפוט לי
פרענציס לואיס
פיליפ ליווינגסטאָן
טאָמאַס לינטש, דזשוניאָר
טאָמאַס מעקין
אַרטור מידלטאָן
לואיס מאריס
ראָבערט מאריס
דזשאַן מאָרטאָן
טאָמאַס נעלסאָן, דזשוניאָר
וויליאם פאקא
ראָבערט טריט פּעין

דזשאן פּען
דזשאָרדזש ריעד
סיזאר ראדני
דזשאָרדזש ראָס
בנעדזשאמין ראָש
עדוואַרד ראָטלעדזש
ראדזשער שערמאן
דזשיימס סמיט
ריטשאַרד סטאקטאָן
טאָמאַס סטאָון
דזשאָרדזש טעילאָר
מעטיו טאָרנטאָן
דזשאָרדזש וואָלטאָן
וויליאַם וויפּל
וויליאַם וויליאַמס
דזשיימס ווילסאָן
דזשאן וויטערספּון
אָליווער וואָלקאָט
דזשאָרדזש וויט

# די קאָנסטיטוציע פון די
# פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע

### מערץ 4, 1789

## הקדמה (פּריעמבל)

מיר, דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו עטאַבלירן אַ מער פאָלקאָמענעם בונד, איינצופירן גערעכטיקייט, צו פאַרזיכערן אינערלעכן שלום, באַוואָרענען די אַלגעמיינע פאַרטיידיקונג, פאַרבעסערן דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין און פאַרזיכערן די ברכה פון פרייהייט פאַר אונדז און פאַר די צוקונפטיקע דורות, פאַראָרדנען און עטאַבלירן די קאָנסטיטוציע פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

## אַרטיקל 1

### טייל 1
### לעגיסלאַטיווע מאַכט

אַלע רעכט צו שאַפן געזעצן וואָס ווערן דאָ געגעבן זאָלן געהערן צו אַ קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער זאָל באַשטיין פון אַ סענאַט און פון אַ רעפּרעזענטאַנטן־הויז.

### טייל 2
### רעפּרעזענטאַנטן־הויז, ווי אַזוי קאָנסטיטואירט, דאָס רעכט אַרונטערצוזעצן באַאַמטע

1. דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז זאָל באַשטיין פון מיטגלידער, וועלכע זאָלן דערוויילט ווערן יעדע צוויי יאָר פון פאָלק פון די פאַרשידענע שטאַטן, און די עלעקטאָרן זאָלן האָבן די זעלביקע קוואַליפיקאַציעס וואָס די עלעקטאָרן פון דער געזעצמאַכנדער קערפּערשאַפט פון שטאַט וואָס האָט די גרעסטע צאָל מיטגלידער.*

2. קיין פּערזאָן זאָל ניט קענען זיין קיין מיטגליד אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז (קאָנגרעסמאַן) אויב ער איז נאָך ניט אַלט געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר, אויב ער איז נאָך ניט זיבן יאָר אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אויב ער איז ניט, אין דער צייט פון דער דערוויילונג, אַן איינוואוינער פון דעם שטאַט אין וועלכן ער ווערט דערוויילט.

3. רעפּרעזענטאַנטן (קאָנגרעסלייט) און דירעקטע שטייערן זאָלן איינגעטיילט ווערן צווישן די פאַרשידענע שטאַטן, וועלכע וועלן איינגעשלאָסן ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, לויט דער גרויס פון זייער באַפעלקערונג. די גרויס פון דער באַפעלקערונג זאָל באַשטימט ווערן דורך דעם, וואָס מען וועט צוגעבן צו דער צאָל פרייע מענטשן, אַריינרעכענענדיק די וואָס זיינען מחויב צו דינען אַ געוויסן טערמין, און אויסשליסנדיק אינדיאַנער, וועל־

---

* וועגן עלעקטאָרן, זע אַרטיקל 2, טייל 1, פּונקטן 2, 3 און 4.

כע צאָלן ניט קיין שטייערן, — דריי־פינפטל פון אַלע אַנדערע פּערזאָנען אין שטאַט.* די פאָלקס־ציילונג זאָל געמאַכט ווערן דריי יאָר נאָך דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דעם קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און אין משך פון יעדע צען יאָר נאָכדעם, אויף אַזאַ אופן ווי דאָס געזעץ וועט באַשטימען. די צאָל קאָנגרעסלייט זאָל זיין ניט מער ווי איינער פון יעדע דרייסיק טויזנט איינוואוי־נער, אָבער יעדער שטאַט זאָל האָבן ווייניקסטנס איין קאָנגרעסמאַן; און ביז אַט די ציילונג וועט געמאַכט ווערן זאָל ניו־העמשייר זיין בארעכטיקט צו דריי קאָנ־גרעסלייט, מאַסאַטשוזעטס צו אַכט, ראָוד איילאַנד און די פּראָווידענס־פּלאַנ־טאַציעס צו איינעם, קאָנעטיקוט פינף, ניו יאָרק זעקס, ניו דזשוירזי פיר, פּענ־סילווייניע אַכט, דעלאַווער איינעם, מערילאַנד זעקס, ווירדזשיניע צען, נאָרט קאַראָליינא פינף, סאַוט קאַראָליינא פינף, און דזשאָרדזשיע דריי.

4. ווען עס ווערן ליידיק ערטער פון פאַרטרעטערשאַפט פון אַ שטאַט, זאָל דער גאָרווערנאָר פון יענעם שטאַט באַשטימען וואַלן, כדי אויסצופילן די ליי־דיקע פּלעצער.

5. דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז זאָל דערוויילן זיין פאָרזיצער און אַנ־דערע באַאַמטע; און זאָל האָבן דאָס אויסשליסלעכע רעכט אָנצוקלאָגן און אַרונטערצוזעצן אַ באַאַמטן (אימפּיטשן).

## טייל 3

## דער סענאַט, ווי אַזוי קאָנסטיטואירט, דאָס רעכט אַרונטערצוזעצן באַאַמטע

1. דער סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל באַשטיין פון צוויי סענאַטאָרן פון יעדן שטאַט, וועלכע זאָלן דערוויילט ווערן פון דער געזעצ־געבנדער קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט, אויף זעקס יאָר; און יעדער סע־נאַטאָר זאָל האָבן איין שטימע.*

2. גלייך נאָך די ערשטע וואַלן, ווען די סענאַטאָרן וועלן זיך פאַרזאַמ־לען, זאָלן זיי, אויף וויפל נאָר מעגלעך, איינגעטיילט ווערן אין דריי גלייכע גרופּעס. די פּלעצער פון די סענאַטאָרן פון דער ערשטער גרופּע זאָלן אָפּגע־ליידיקט ווערן ביים סוף פון צווייטן יאָר; פון דער צווייטער גרופּע, צום סוף פון פיר יאָר, און פון דער דריטער גרופּע — צום סוף פון זעקס יאָר, אַזוי אַז איין דריטל פון סענאַט זאָל אויסגעקליבן ווערן אַלע צוויי יאָר. אויב פּלעצער ווערן ליידיק דורך רעזיגנאַציע אָדער אויף וועלכן אַנדער אופן, בעת די געזעצגעבנדע קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט האָט ניט קיין סעסיע, מעג דער גאָווערנאָר פון יענעם שטאַט מאַכן אַ דערווייליקע באַשטימונג, ביז עס וועט זיך עפענען די סעסיע פון דער שטאַט־לעגיסלאַטור, וועלכע זאָל אויס־פילן די אָפּגעליידיקטע פּלעצער.

3. קיינער קען ניט דערוויילט ווערן אַלס סענאַטאָר אויב ער האָט ניט דערגרייכט דעם עלטער פון דרייסיק יאָר, איז ניט ניין יאָר אַ בירגער פון

---

* דער פּונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַמענדמענט 17.

* דער פּונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַמענדמענט 14.

די פאַראייניקטע שטאַטן, און איז ניט קיין איינוואוינער פון דעם שטאַט אין וועלכן ער ווערט אויסגעקליבן, בעת זיין דערוויילונג.

4. דער וויצע־פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל זיין דער פאָרזיצער פון דעם סענאַט, אָבער ער זאָל ניט האָבן קיין שטימרעכט, סיידן די שטימען פון די סענאַטאָרן זיינען צעטיילט גלייך אויף גלייך.

5. דער סענאַט זאָל אויסקלייבן זיינע אַנדערע באַאַמטע און אויך אַ צייט־ווייליקן פאָרזיצער, אין פאַל דער וויצע־פּרעזידענט איז אַפּוועזנד, אָדער ווען דער וויצע־פּרעזידענט מוז פאַרנעמען די שטעלע פון דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

6. דער סענאַט זאָל האָבן דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו משפּטן אַלע באַשולדיקטע באַאַמטע („אימפּיטשמענט"). ווען זיי פאַרזאַמלען זיך פאַר דעם צוועק זאָלן די סענאַטאָרן זיין אונטער אַ שבועה אָדער אויף זייער ערנוואָרט. ווען דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט געמשפּט, זאָל דער הויפּט־ריכטער (טשיף דזשאַסטיס) זיין דער פאָרזיצער; און קיין פּערזאָן זאָל ניט פאַראורטיילט ווערן אָן דער הסכמה פון צוויי־דריטל פון די אַנוועזנדע מיטגלידער.

7. דער אורטייל איבער באַאַמטע זאָל ניט גיין ווייטער ווי דאָס אַרונטערזעצן פון אַמט און דיסקוואַליפיצירן דעם פאַרמשפּטן פון האַלטן און גענימן פון אַן אַמט פון כבוד, פאַרטרויען, אָדער לוין פון די פאַראייניקטן שטאַטן; אָבער די אַרונטערגעזעצטע פּערזאָן זאָל דאָך זיין אונטערגעוואָרפן צו אַן אַנקלאַגע, משפּט, אורטייל און שטראָף לויטן געזעץ.

## טייל 4

## וואַלן פאַר סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט

1. די צייט, פּלאַץ און דער אופן פון דורכפירן וואַלן פאַר סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט זאָל יעדער שטאַט באַשטימען פאַר זיך אַליין, דורך זיין געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט; אָבער דער קאָנגרעס מעג צו יעדער צייט, דורכן געזעץ, ענדערן די די וואַל־רעגולאַמענטן, אַחוץ די וואָס זיינען נוגע די פּלעצער צו וויילן סענאַטאָרן.

2. דער קאָנגרעס זאָל זיך פאַרזאַמלען לכל הפּחות איין מאָל יעדעס יאָר, און די פאַרזאַמלונג זאָל פאָרקומען דעם ערשטן מאָנטאָג אין דעצעמבער, סיידן דער קאָנגרעס זאָל געזעצלעך באַשטימען אַן אַנדער טאָג.*

## טייל 5

## קוואָרום (געזעצלעכע צאָל), פּראָטאָקאָלן, זיצונגען, שליסונגען

1. יעדעס הויז פון קאָנגרעס זאָל זיין דער ריכטער איבער די וואַלן, וואַל־רעזולטאַטן, און קוואַליפיקאַציעס פון זיינע אייגענע מיטגלידער, און אַ מאַיאָריטעט פון יעדן הויז זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ קוואָרום אַנצוגיין מיט דער אַרבעט; אָבער אַ קלענערע צאָל מעג אָפּלייגן די זיצונגען פון טאָג צו טאָג,

* דער פּונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַרטיקל 20, פּונקט 2, אַמענדמענטס.

און מעג באַשליסן צו צווינגען די אָפּוועזנדע מיטגלידער צו קומען, מיט אַזעלכע מיטלען, און אונטער אַזעלכע שטראָפן ווי יעדעס הויז וועט באַ־שטימען.

2. יעדעס הויז מעג באַשטימען די רעגעלן פאַר זיינע פאַרהאַנדלונגען, באַשטראָפן זיינע אייגענע מיטגלידער פאַר ניט פּאַסיקער אויפפירונג, און — מיט דער צושטימונג פון צוויי־דריטל מאַיאָריטעט — אויסשליסן אַ מיטגליד.

3. יעדעס הויז זאָל פירן אַ פּראָטאָקאָל פון זיינע פאַרהאַנדלונגען, און פון ציט צו ציט דעם פּראָטאָקאָל פאַרעפנטלעכן, חוץ די טיילן וואָס דאַרפן, לויט דער מיינונג פון די מיטגלידער, בלייבן געהיים; און די שטימען דורך „יאָ" און „ניין" פון די מיטגלידער פון יעדן הויז איבער וועלכער עס איז פראַגע זאָלן, אויפן וואונטש פון אַ פינפטל פון די אַנוועזנדע, אַריינגעשריבן ווערן אין פּראָטאָקאָל.

4. בשעת דער קאָנגרעס האַלטן אַן זיינע זיצונגען טאָר זיך קיין איין הויז ניט פאַרמאַכן, אָן דער הסכמה פון דעם אַנדערן הויז, אויף מער ווי דריי טעג, אויך זיך ניט אַריבערקלייבן אויף אַן אַנדער אָרט, ווי דאָרטן וואו ביידע הייזער געפינען זיך.

## טייל 6

## שכירות, פּריווילעגיעס, באַשרענקונגען פון רעכט

1. די סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט זאָלן קריגן אַ לוין פאַר זייער דינסט, וואָס זאָל באַשטימט ווערן דורכן געזעץ, און זאָל אויסגעצאָלט ווערן פון דער קאַסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אַלע פאַלן, אויסער פאַרראַט, פאַר־ברעכן און שטערונג פון פרידן, זאָלן זיי זיין פריי פון אַרעסט בשעת זיי זיינען ביי אַ זיצונג פון זייערע הייזער, אָדער ווען זיי גייען פון אָדער קומען צו די זיצונגען; און פאַר אַ רעדע אָדער דעבאַטע אין איינעם פון די הייזער פון קאָנגרעס, זאָל מען זיי ניט קענען אויספרעגן אין קיין אַנדער פּלאַץ.

2. קיין סענאַטאָר אָדער קאָנגרעסמאַן זאָל אין דער צייט וואָס ער איז אַ מיטגליד פון דעם קאָנגרעס, ניט באַשטימט ווערן אויף קיין ציווילן אַמט אונטער די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון זיין טערמין אין קאָנגרעס אָדער סענאַט, אָדער צו אַן אַמט, וואָס זיין גע־האַלט איז געהעכערט געוואָרן אין דער צייט פון זיין טערמין, און קיין פער־זאָן וואָס האַלט אַן אַמט אונטער די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל ניט זיין קיין מיטגליד פון קאָנגרעס בשעת ער האַלט אַן זיין אַמט.

## טייל 7

## פּראָצעדורע אין אָננעמען געזעצן און רעזאָלוציעס

1. אַלע געזעץ־פּראָיעקטן (בילס) צו שאַפן רעגירונג־הכנסות זאָלן צוערשט פאָרגעשלאָגן ווערן אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז; אָבער דער סענאַט מעג פאָר־שלאָגן אָדער איינשטימען מיט ענדערונגען פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע גע־זעץ־פאָרשלאָגן.

2. יעדער ביל, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז און אין סענאַט, זאָל איידער ער ווערט אַ געזעץ, פאָרגעלייגט ווערן פאַר דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אויב ער שטימט צו, זאָל ער דעם ביל אונטערשרייבן, און אויב ניט, זאָל ער אים צוריקשיקן, צוזאַמען מיט זיינע אויסזעצונגען צו דעם הויז, וואו דער ביל איז צוערשט אַריינגעבראַכט געוואָרן. דעם פּרעזידענטס אויסזעצונגען זאָלן אין פול אַריינגעשריבן ווערן אין פּראָטאָקאָל, און דער ביל זאָל ווידער פאַרהאַנדלט ווערן. אויב נאָך אַזאַ פאַרהאַנדלונג וועט דער ביל ווידער אָנגענומען ווערן מיט צוויי־דריטל מאַיאָריטעט, זאָל ער צוזאַמען מיט די אויסזעצונגען אַריבערגעשיקט ווערן צום צווייטן הויז, וועלכע זאָל אים אויך ווידער אַמאָל פאַרהאַנדלען, און אויב דער געזעץ־פּראָיעקט ווערט אין דעם צווייטן הויז אויך אָנגענומען מיט צוויי דריטל מאַיאָריטעט, ווערט ער אַ געזעץ. אָבער אין אַזעלכע פאַלן זאָלן די מיטגלידער שטימען דורך „יאָ" און „ניין", און די נעמען און שטימען זאָלן פּראָטאָקאָלירט ווערן אין יעדן הויז באַזונדער. אויב אַ ביל ווערט פון פּרעזידענט ניט צוריקגעשיקט אין פאַרלויף פון צען טעג צייט (אויסשליסנדיק זונטיקס) נאָכדעם ווי ער איז פאַר אים פאָרגעלייגט געוואָרן, ווערט דער ביל אַ געזעץ, פונקט ווי ער וואָלט אים אונטערגעשריבן, סיידן דער קאָנגרעס פאַרמאַכט זיך און שטערט דורך דעם דאָס צוריקשיקן דעם ביל, אין וועלכן פאַל דער ביל ווערט ניט קיין געזעץ.

3. אַלע באַשלוסן, רעזאָלוציעס, אָדער אָפּשטימונגען, צו וועלכע די געמיינזאַמע צושטימונג פון סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז איז נויטיק (אַחוץ אין דער פראַגע פון שליסן זיך) זאָלן פאָרגעלייגט ווערן פאַרן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און איידער זיי טרעטן אַריין אין קראַפט זאָלן זיי קריגן זיין צושטימונג. אָדער, אויב ער שטימט ניט צו, זאָלן זיי ווידער אָפּגעשטימט ווערן מיט צוויי דריטל מאַיאָריטעט אין ביידע הייזער, לויט די רעגעלן און פאַרשריפטן, וואָס באַציען זיך צו בילס.

## טייל 8

## די מאַכט פון קאָנגרעס

1. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט:

אַרויפצולייגן און אויפצומאַנען צינזן, אָפּצאָלונגען און שטייערן; צו באַצאָלן די חובות און צו באַזאָרגן די געמיינזאַמע פאַרטיידיקונג און אַלגעמיינע וואוילזיין פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער אַלע צינזן, אָפּצאָלונגען און שטייערן זאָלן זיין גלייכאַרטיק אומעטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

2. צו באָרגן געלט אויף דעם קרעדיט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

3. צו רעגולירן דעם מסחר מיט פרעמדע פעלקער, צווישן די פאַרשיידענע שטאַטן און מיט די אינדיאַנער שבטים.

4. איינפירן גלייכאַרטיקע רעגעלן פאַר נאַטוראַליזאַציע און גלייכע גע־

זעצן וועגן באַנקראָט אומעטום אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

5. אַרויסצולאָזן געלט און רעגולירן די ווערט דערפון און אויך פון אויסלענדישע געלטער, און צו באַשטימען סטאַנדאַרטן פון וואָג און מאָס.

6. צו באַשטימען שטראָפן פאַר פעלשן געלט אָדער רעגירונגס־פּאַפּירן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן.

7. צו בויען פּאָסט געביידעס און דורכפירן פּאָסט וועגן.

8. צו העלפן דעם פּראָגרעס פון וויסנשאַפט און פון נוצלעכע קונסטן, דורך פאַרזיכערן אויף אַ באַגרענעצטער צייט, צו פאַרפאַסער און דערפינדער, דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו זייערע פאַרפאַסונגען און דערפינדונגען.

9. צו עטאַבלירן געריכטן, נידעריקערע פון דעם העכסטן געריכט (סופּ־רים קאָורט).

10. צו באַשטימען און באַשטראָפן פאַרברעכנס וואָס ווערן באַגאַנגען אויף די ימים, און פאַר פאַרשוועכן די געזעצן פון פעלקער.

1. צו דערקלערן מלחמה, צו באַפעלן פאַרכאַפּן פיינטלעכע שיפן, און מאַכן רעגעלן וועגן נעמען געפאַנגענע אויף דער יבשה און אויפן ים.

12. צוזאַמענשטעלן און אויסהאַלטן אַרמייען; אָבער קיין אַסיגנירונג פון פאָנדן פאַר דעם צוועק זאָל ניט זיין אויף לענגער ווי צוויי יאָר צייט.

13. צו בויען און אויפהאַלטן אַ פלאָטע.

14. צו מאַכן רעגעלן בנוגע דער פירונג און רעגולאַציע פון לאַנד־און ים־אַרמייען.

15. צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך אַרויסצורופן די מיליץ אויסצופירן די געזעצן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, אונטערצודריקן אויפשטאַנדן, און צו־ריקשטויסן אַריינדרינגער.

16. באַזאָרגן דאָס אָרגאַניזירן, באַוואָפענען, און דיסציפּלינירן די מי־ליץ, אָנפירן מיט די טיילן פון דער מיליץ, וועלכע וועלן באַשעפטיקט ווערן אין דער דינסט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן; איבערלאָזנדיק צו די באַזונדערע שטאַטן דאָס באַשטימען די מיליץ באַאַמטע און די אויטאָריטעט פון מוש־טירן די מיליץ לויט דער דיסציפּלין וואָס דער קאָנגרעס וועט באַשטימען.

17. אויסצואיבן די אויסשליסלעכע געזעצגעבערישע מאַכט דורכצופירן געזעצן צו פאַרוואַלטן מיט אַזאַ דיסטריקט (ניט גרעסער ווי צען קוואַדראַט מייל), וואָס געוויסע שטאַטן וועלן אָפּטרעטן דער רעגירונג און וואָס דער קאָנ־גרעס וועט גוטהייסן און וואָס וועט ווערן דאָס זיץ־אָרט פון דער רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן און אויסצואיבן אַן ענלעכע אויטאָריטעט איבער אַלע פלעצער וואָס וועלן אָפּגעקויפט ווערן מיט דער צושטימונג פון דער לעגיסלאַ־טור פון דעם שטאַט, וואו די רעגירונג וועט זיך געפינען, כדי צו בויען פעס־טונגען, מאַגאַזינען, ארסענאַלן, מאַגאַזינען פאַר ים־מיליטער און אַנדערע נויטיקע געביידעס; און

18. צו מאַכן אַלע געזעצן וואָס וועלן זיין נויטיק און פּאַסיק, כדי אויס־צופירן די אויבנדערמאָנטע מאַכט, און אַלע אַנדערע מאַכטן וואָס די קאָנ־סטיטוציע גיט איבער צו דער רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, אָדער

צו יעדער אָפּטיילונג, אָדער באַאַמטן פון דער רעגירונג.

## טייל 9

## באַגרענעצונגען פון דער מאַכט פון קאָנגרעס

1. דאָס אַריבערפירן אָדער אַריינברענגען פון אַזעלכע פּערזאָנען וואָס וועלכער עס איז פון די עקזיסטירנדע שטאַטן זאָל באַשטימען, זאָל ניט פאַרבאָטן ווערן פון דעם קאָנגרעס פאַר דעם יאָר טויזנט אַכט הונדערט און אַכט, אָבער אַ שטייער קען יאָ אַרויפגעלייגט ווערן אויף אַזאַ אימפּאָרטאַציע, ניט מער ווי צען דאָלאַר פאַר יעדער פּערזאָן.

2. דאָס רעכט פון „הייבעאַס קאָרפּוס" (אַ באַפעל ניט צו דערלויבן האַלטן איינעם געפאַנגען אָן אַ פאַרהער) זאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערן, סיידן אין פאַלן פון אויפשטאַנדן אָדער אָנפאַלן פון שונא, ווען די אַלגעמיינע זיכערהייט נויטיקט זיך אין דעם.

3. קיין געזעץ זאָל ניט געפּאַסט ווערן, וואָס זאָל געפינען אַ מענטשן שולדיק אָן אַ משפט פון געריכט. אויך זאָל קיין געזעץ ניט געפּאַסט ווערן צו באַשטראָפן איינעם פאַר אַ טאַט וואָס איז ניט געווען קיין פאַרברעכן איידער דאָס געזעץ איז געפּאַסט געוואָרן („אַטעינדער ביל" און „עקס פּאָסט פאַקטאָ" געזעץ).

4. קיין קאָפּשטייער, אָדער אַנדער דירעקטער שטייער זאָל ניט אַרויפגעלייגט ווערן סיידן פּראָפּאָרציאָנעל נאָך דער פאָלקסציילונג אָדער צענזוס, וואָס ווערן דאָ פאַרגעשריבן.

5. קיין שטייער אָדער אָפּצאָל זאָל ניט אַרויפגעלייגט ווערן אויף זאַכן וואָס ווערן עקספּאָרטירט פון אַ שטאַט.

6. קיין פאָרצוג זאָל ניט געגעבן ווערן דורך אַ געזעץ פון קאָמערץ אָדער שטייער־איינקונפט צו די האַפנס פון איין שטאַט איבער די האַפנס פון אַן אַנדער שטאַט; אויך זאָלן קיינע שיפן וואָס קומען, אָדער פאַרלאָזן איין שטאַט ניט מוזן אַריינקומען, אָדער קריגן דערלויבניש, אָדער צאָלן שטייערן אין אַנדערן שטאַט.

7. קיין געלט זאָל ניט אַרויסגעצויגן ווערן פון דער רעגירונגס־קאַסע, סיידן אַלס רעזולטאַט פון געזעצלעכע באַשטימונגען; אַ רעגלמעסיקע רשימה און חשבון פון אַלע הכנסות און הוצאות פון אַלע רעגירונג־געלטער זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן פון צייט צו צייט.

8. קיין טיטולן פון אַדעל זאָלן ניט געגעבן ווערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און קיין פּערזאָן וועלכער האַלט אַן אַמט פון לוין אָדער פון צוטרוי אונטער די פאַראייניקטע שטאַטן, זאָל אָן דער צושטימונג פון קאָנגרעס ניט אָננעמען קיין שום מתנה, געצאָלט, אַמט, אָדער טיטול פון אַ קעניג, אַ פּרינץ, אָדער אַן אויסלענדישע רעגירונג.

## טייל 10

## באַשרענקונגען פון דער מאַכט פון די שטאַטן

1. קיין שטאַט זאָל ניט שליסן קיין אָפּמאַך, אַליאַנס אָדער פאַראייני־

קונג; געבן דערלויבענישן צו באַפאַלן שיפן פון אַ שונא; אַרויסלאָזן געלט; אַרויסלאָזן קרעדיט־פּאַפּירן; מאַכן קיין שום אַנדער געלט ווי נאָר גאָלדענע און זילבערנע מטבעות אַלס געזעצלעך געלט צו באַצאָלן חובות; דורכפירן קיין געזעץ וואָס זאָל צונעמען ביי איינעם זיין פאַרמעגן אָדער רעכט („אַטעינדער ביל״) און אויך ניט קיין געזעץ צו באַשטראָפן פאַר דעם וואָס איז געטאָן געוואָרן איידער דאָס געזעץ איז געפּאַסט געוואָרן („עקס פּאָסט פאַקטאָ״ געזעץ), אָדער אַ געזעץ וועגן שטערן די פאַרפליכטונגען פון אַ קאָנטראַקט; אָדער געבן אַדעל טיטולן.

2. קיין שטאַט זאָל אָן דער צושטימונג פון קאָנגרעס ניט אַרויפלייגן קיין שום שטייערן אויף אימפּאָרט און עקספּאָרט סחורות, חוץ די אַבסאָלוט נויטיקע אונטערזוכונגס־רעגעלן; און די ריינע הכנסה וואָס אַ שטאַט וועט רעאַליזירן פון אַריינגעפירטע אָדער אַרויסגעפירטע סחורות, זאָל געהערן צו דער קאַסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און אַלע אַזעלכע געזעצן זאָלן זיין אונטערוואָרפן דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון קאָנגרעס.

3. קיין שטאַט זאָל ניט, אָן דער הסכמה פון קאָנגרעס, אַרויפלייגן שטייערן אויף שיפן, האַלטן אַן אַרמיי, אָדער קריגס־שיפן אין פרידנס־צייטן, שליסן אַן אָפּמאַך מיט אַן אַנדער שטאַט, אָדער מיט אַ פרעמדער מאַכט, אָדער פירן מלחמה, סיידן דער שטאַט ווערט ווירקלעך באַפאַלן אָדער איז אין אַ דראָענדיקער געפאַר, וואָס וועט ניט דערלויבן צו וואַרטן.

## אַרטיקל 2

### טייל 1

### עקזעקוטיווע מאַכט, וואַלן, קוואַליפיקאַציעס פון דעם פּרעזידענט

1. די מאַכט דורכצופירן די געזעצן (עקזעקוטיווע מאַכט) זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ער זאָל אָנהאַלטן זיין אַמט פאַר אַ טערמין פון פיר יאָר צייט; און צוזאַמען מיטן וויצע־פּרעזידענט, דערוויילט פאַר דעם זעלבן טערמין, זאָלן די וואַלן פאָרקומען אויף דעם פאָלגענדן אופן:

2. יעדער שטאַט זאָל באַשטימען, לויט דעם באַשלוס פון זיין געזעצמאַכנדער קערפּערשאַפט, אַ צאָל וויילער („עלעקטאָרס״) אַזוי פיל ווי די צאָל סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט צו וועלכער דער שטאַט איז באַרעכטיקט אין קאָנגרעס; אָבער קיין סענאַטאָר אָדער קאָנגרעסמאַן, אָדער וועלכער עס איז פּערזאָן, וואָס האַלט אַן אַמט פון לוין אָדער צוטרוי פון די פאַראייניקטן שטאַטן זאָל ניט באַשטימט ווערן אַלס „עלעקטאָר״.

3. די עלעקטאָרס זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין זייערע באַזונדערע שטאַטן און שטימען דורך אַ שטימצעטל פאַר צוויי פּערזאָנען, פון וועלכע צום ווייניגסטנס איינער זאָל ניט זיין קיין איינוואוינער פון דעם זעלבן שטאַט ווי זיי. און זיי זאָלן מאַכן אַ ליסטע פון אַלע פּערזאָנען פאַר וועלכע מען האָט געשטימט און די צאָל שטימען פון יעדן פון די פּערזאָנען; די ליסטע זאָל זיין אונטערגעשריבן און באַשטעטיקט און זאָל איבערגעשיקט ווערן אַ פאַר־

זיגלטע צו דעם זיץ־פלאַץ פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַדרעסירט צום פאָרזיצער פון סענאַט. דער פאָרזיצער פון סענאַט זאָל, אין דער אַנוועזנהייט פון סענאַט און רעפרעזענטאַנטן־הויז, עפענען אַלע באַשטעטיקטע ליסטן און די שטימען זאָלן דאַן געציילט ווערן. די פערזאָן וועלכע האָט די גרעסטע צאָל שטימען זאָל זיין דערוויילט פרעזידענט, אויב די צאָל שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָל עלעקטאָרס וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן; און אויב עס זאָל זיין מער ווי איינער מיט אַ צאָל וואָס איז אַ מאַיאָריטעט און זיי זאָלן האָבן אַ גלייכע צאָל שטימען, דאַן זאָל דאָס רעפרעזענטאַנטן־הויז דורך אַן אָפשטימונג גלייך דערוויילן איינעם פון זיי אַלס פרעזידענט; און אויב קיין פערזאָן זאָל ניט האָבן קיין מאַיאָריטעט פון די שטימען, דאַן זאָל דאָס זעלבע הויז דערוויילן אויף דעם זעלבן אופן איינעם אַלס פרעזידענט פון די פינף וואָס האָבן די גרעסטע צאָל שטימען אויף דער ליסטע. אָבער ביים דערוויילן אַ פרעזידענט זאָלן די שטימען געציילט ווערן לויט די שטאַטן, די פאָרטרעטער פון יעדן שטאַט זאָלן האָבן איין שטימע; אַ קוואָרום פאַר דעם ציל זאָל באַשטיין פון אַ פאָרטרעטער אָדער מער פון צוויי דריטל פון די שטאַטן. און אַ מאַיאָריטעט פון אַלע שטאַטן זאָל זיין נויטיק פאַר דער דערוויילונג. אין יעדן פאַל, נאָך דער דערוויילונג פון פרעזידענט, זאָל די פערזאָן וואָס וועט האָבן די גרעסטע צאָל שטימען פון די עלעקטאָרס, ווערן דער וויצע־פרעזידענט. אָבער אויב עס זאָלן בלייבן צוויי אָדער מער פערזאָנען וואָס האָבן אַ גלייכע צאָל שטימען, זאָל דער סענאַט פון צווישן זיי דערוויילן, דורך אַן אָפשטימונג, דעם וויצע־פרעזידענט.*

4. דער קאָנגרעס קאָן באַשטימען די צייט פאַרן אויסקלייבן די עלעקטאָרן און דעם טאָג אין וועלכן זיי זאָלן שטימען; דער טאָג זאָל זיין דערזעלבער איבער די פאַראייניקטע שטאַטן.

5. קיין פערזאָן, אַחוץ אַ בירגער וואָס איז געבוירן אין לאַנד, אָדער אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט ווען די קאָנסטיטוציע ווערט אָנגענומען, זאָל ניט קענען דערווילט ווערן אַלס פרעזידענט; אויך זאָל קיינער ניט קענען דערווילט ווערן צו דעם אַמט, אויב ער איז נאָך ניט געוואָרן פינף און דרייסיק יאָר אַלט, און ניט האָבן געוואוינט פערצן יאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

6. אין פאַל דער פרעזידענט ווערט אַרונטערגעזעצט פון זיין אַמט, אָדער אין פאַל פון טויט, רעזיגנאַציע, אָדער אומפייאיקייט אויסצופירן די מאַכט און פליכטן פון דעם אַמט, זאָל דער אַמט איבערגיין צום וויצע־פרעזידענט. דער קאָנגרעס מעג — אין פאַל פון באַזייטיקונג פון אַמט, טויט אָדער רעזיגנאַציע, אָדער אומפייאיקייט פון ביידע, סיי פון פרעזידענט און סיי פון וויצע־פרעזידענט — באַשטימען דורך געזעץ, וועלכער באַאַמטער זאָל דעמאָלט דינען אַלס פרעזידענט ביז דער נויט־צושטאַנד וועט באַזייטיקט ווערן, אָדער אַ פרעזידענט וועט דערווילט ווערן.

7. דער פרעזידענט זאָל, צו באַשטימטע צייטן, קריגן אַ געהאַלט פאַר

---

* דער פונקט איז נאָכגעפאָלגט דורך אַרטיקל 12, אַמענדמענטס.

זיין דינסט, וואָס זאָל ניט פאַרגרעסערט און ניט פאַרקלענערט ווערן אין משך פון דעם טערמין אויף וועלכן ער איז דערוויילט געוואָרן; און ער זאָל דורך דער צייט ניט קריגן קיין שום אַנדערע באַלוינונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פון וועלכן ניט איז שטאַט באַזונדער.

8. איידער דער פּרעזידענט טרעט אַריין אין אַמט זאָל ער געבן די דאָזיקע שבועה, אָדער ערן־וואָרט:

„איך שווער (אָדער פאַרזיכער) הייליק, אַז איך וועל טריי דערפילן דעם אַמט פון פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; איך וועל לויט מיינע בעסטע כוחות אָפּהיטן, באַשיצן, און פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן".

## טייל 2

## די מאַכט פון דעם פּרעזידענט

1. דער פּרעזידענט זאָל זיין דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי און פלאָטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און פון דער מיליץ פון די פאַרשידענע שטאַטן, ווען זיי ווערן גערופן צו דער פאַקטישער דינסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער מעג פאָדערן די מיינונג שריפטלעך פון יעדן הויפּט באַאַמטן פון דער עקזעקוטיווער אָפּטיילונג, וועגן יעדן פּונקט וואָס איז נוגע די פליכטן פון זייערע באַזונדערע אַמטן, און ער זאָל האָבן די מאַכט אָפּצולייגן אַ שטראָף און באַגנאַדיקן פאַר פאַרברעכנס קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן, אויסער אין פאַלן פון „אימפּיטשמענט" (אַרונטערזעצן פון אַמט).

2. ער זאָל האָבן די מאַכט, מיט דעם ראַט און דער הסכמה פון סענאַט צו שליסן אָפּמאַכן, אויב צוויי דריטל פון די אַנוועזנדע סענאַטאָרן שטימען צו; און ער זאָל נאָמינירן, און, דורך און מיט דער צושטימונג פון סענאַט, זאָל ער באַשטימען אַמבאַסאַדאָרן און אַנדערע געזאַנדטע און קאָנסולן, ריכטער פון העכסטן געריכט (סופרים קאָורט), און אַלע אַנדערע באַאַמטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועמעס באַשטימונגען זיינען דאָ אויף אַן אַנדער אופן ניט פאַרגעשריבן געוואָרן, און וועלכע וועלן ווערן איינגעפירט דורכן געזעץ. אָבער דער קאָנגרעס, אויב ער האַלט עס פאַר ראַטזאַם, מעג, דורך דעם געזעץ, איבערגעבן דאָס באַשטימען פון אַזעלכע באַאַמטע צום פּרעזידענט אַליין, צו די געריכט־הייזער, אָדער צו די אָנפירער פון די רעגירונגס־אָפּטיילונגען.

3. דער פּרעזידענט זאָל האָבן די מאַכט אויסצופילן אַלע וואַקאַנסיעס, וואָס וועלן זיך שאַפן, בעת דער צייטווייליקער שליסונג פון דעם סענאַט, דורך באַשטימען באַאַמטע, וועמעס אַמטן זאָלן אויסגיין ביים סוף פון דעם פאָלגנדיקער סענאַט־זיצונג.

## טייל 3

## די מאַכט און פליכטן פון דעם פּרעזידענט

ער זאָל פון צייט צו צייט אינפאָרמירן דעם קאָנגרעס וועגן דעם צושטאַנד פון דעם לאַנד, און זאָל רעקאָמענדירן פאַר זייער באַטראַכטונג אַזעלכע געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס ער וועט האַלטן פאַר נויטיק און וויכטיק. ער מעג, אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן, צוזאַמענרופן ביידע הייזער פון קאָנגרעס, אָדער

איינעם פון זיי; אין פאַלביידע הייזער שטימען ניט איין איבער דער צייט פון שליסן זיך, מעג ער אַפּלייגן זייערע סעסיעס אויף אַ צייט וואָס ער האַלט פאַר פּאַסיק; ער זאָל אויפנעמען אַמבאַסאַדאָרן און אַנדערע געזאַנדטע; ער זאָל אַכטונג געבן, אַז די געזעצן זאָלן טריי דורכגעפירט ווערן און זאָל אָנשטעלן אַלע באַאַמטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

## טייל 4

## אָרונטערזעצונג פון אַמט

דער פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט, און אַלע ציווילע באַאַמטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן אַרונטערגעזעצט ווערן פון זייערע אַמטן אויב זיי ווערן אָנגעקלאָגט און פאַרמשפּט ווערן פאַר פאַרראַט, כאַבאַר, אָדער אַנדערע ערנסטע פאַרברעכנס און שלעכטע אויפפירונגען.

# אַרטיקל 3

## טייל 1

## יורידישע מאַכט, דאָס אָנהאַלטן פון אַן אַמט

די יורידישע מאַכט זאָל איבערגעגעבן ווערן אין איין הויפּט־געריכט (סופרים קאָורט) און אין אַזעלכע נידעריקערע געריכטן ווי דער קאָנגרעס וועט פון צייט צו צייט באַשטימען און איינפירן. די ריכטער, סיי פון סופרים קאָורט, סיי פון די נידעריקערע געריכטן, זאָלן אָנהאַלטן זייערע אַמטן אַזוי לאַנג ווי זיי פירן זיך אויף אָנשטענדיק; און זאָלן רעגולמעסיק באַקומען פאַר זייער דינסט אַ געהאַלט, וואָס זאָל ניט פאַרקלענערט ווערן, אַזוי לאַנג ווי זיי האַלטן אָן זייערע אַמטן.

## טייל 2

## יוריסדיקציע

1. די ריכטלעכע מאַכט זאָל האָבן די אויטאָריטעט איבער אַלע פאַלן פון געזעץ און גערעכטיקייט, וואָס אַנטשטייען פון דער קאָנסטיטוציע, פון די געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון אָפּמאַכן וואָס זיינען שוין געשלאָסן געוואָרן אָדער וואָס וועלן געשלאָסן ווערן, אונטער זייערע רעכט; איבער אַלע פאַלן וואָס רירן אָן אַמבאַסאַדאָרן אָדער געזאַנדטע און קאָנסולן; איבער אַלע פאַלן וואָס רירן אָן פלאָטן־באַאַמטע און פלאָטן־יוריסדיקציע; איבער סכסוכים אין וועלכע די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ צד; אויך שטרייטיקייטן צווישן צוויי אָדער מער שטאַטן; צווישן אַ שטאַט און בירגער פון אַן אַנדער שטאַט; צווישן בירגער פון פאַרשידענע שטאַטן; און צווישן אַ שטאַט, אָדער זיינע בירגער, מיט פרעמדע לענדער, בירגער אָדער אונטערטאַנען.*

2. אין אַלע פאַלן וואָס זיינען שייך צו אַמבאַסאַדאָרן, אַנדערע געזאַנדטע און קאָנסולן, און יענע ביי וועלכע אַ שטאַט איז איינער פון די צדדים, זאָל דער סופרים קאָורט (העכסטער געריכט) האָבן דאָס ערשטע רעכט. אין אַלע אַנדערע פאַלן וואָס זיינען אויבן אויסגערעכנט, זאָל דער סופרים קאָורט

---

* דער פּונקט איז געענדערט געוואָרן דורך אַרטיקל 11, אַמענדמענטס.

נאָר האָבן דאָס רעכט ווען עס ווערט אַפּעלירט צו אים, סיי וואָס נוגע דעם געזעץ, סיי בנוגע די פאַקטן, מיט אַזעלכע אויסנאַמען און מיט אַזעלכע איינ־פירונגען ווי דער קאָנגרעס וועט מאַכן.

3. דער משפט פאַר אַלע פאַרברעכנס, חוץ אין פאַלן פון אַרונטערזעצן באַאַמטע, זאָל זיין דורך אַ דזשורי (געשוואוירענע פון פאָלק) און אַזאַ משפט זאָל געהאַלטן ווערן אין דעם שטאַט וואו דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען גע־וואָרן; אָבער אויב דאָס פאַרברעכן איז ניט באַגאַנגען געוואָרן אין קיין שום שטאַט זאָל דער משפט געהאַלטן ווערן אין אַזאַ פּלאַץ אָדער פּלעצער וואו דער קאָנגרעס וועט באַשטימען.

## טייל 3

## הויך־פאַרראַט, באַווייז און שטראָף

1. הויכפאַרראַט קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל באַשטיין בלויז אין פירן מלחמה קעגן זיי, אָדער צושטיין צו זייערע פיינט, געבנדיק זיי הילף אָדער שטיצע. קיין פערזאָן זאָל ניט פאַראורטיילט ווערן פאַר הויכפאַרראַט, סיידן אויף באַווייזן פון צוויי עדות וועגן דער באַגאַנגענער טאַט, אָדער ווען ער איז זיך מודה אין אָפענעם געריכט.

2. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט צו באַשטימען די שטראָף פאַר הויכפאַרראַט; אָבער קיין פאַראורטיילונג פון עמיצן פאַר הויכפאַרראַט זאָל ניט שעדיקן זיין פאַמיליע אָדער יורשים, אָדער מען זאָל זיין פאַרמעגן ניט קאָנפיסקירן, חוץ פאַר דער צייט פונעם לעבן פון דעם פאַראורטיילטן.

## אַרטיקל 4

## טייל 1

## צוטרוי און אָנערקענונג צווישן שטאַטן

פולער צוטרוי און גלויבן זאָלן געגעבן ווערן פון איין שטאַט צו די עפנטלעכע טאַטן, דאָקומענטן און געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען פון אַלע אַנ־דערע שטאַטן; און דער קאָנגרעס מעג דורך אַלגעמיינע געזעצן באַשטימען און אָנווייזן ווי די דאָקומענטן און די פאַרהאַנדלונגען זאָלן באַשטעטיקט ווערן, און אויך זייער ווירקונג.

## טייל 2

## פּריווילעגיעס און פרייהייטן, אַנטלאָפענע פון געזעץ

1. די בירגער פון יעדן שטאַט זאָלן זיין באַרעכטיקט צו אַלע פּריווי־לעגיעס און פרייהייטן, וואָס עס האָבן די בירגער פון אַנדערע שטאַטן.

2. אַ פערזאָן וואָס ווערט באַשולדיקט אין וועלכן עס איז שטאַט אין הויכפאַרראַט, געזעץ־פאַרלעצונג, אָדער אין וועלכן עס איז אַנדערן פאַרברעכן, וואָס וועט אַנטלויפן פון גערעכטיקייט און וועט געפונען ווערן אין אַן אַנ־דער שטאַט, זאָל אויף דער פאָדערונג פון דעם הויפּט באַאַמטן (גאָווערנאָר) פון דעם שטאַט פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן, אויסגעליפערט ווערן צו דעם שטאַט וואָס האָט יוריסדיקציע איבער דעם פאַרברעכן.

3. קיין פּערזאָן וואָס ווערט געהאַלטן פאַר קנעכטשאַפט, צוואַנג־אַר־בעט אין איין שטאַט, לויט זיינע געזעצן, וועלכער אַנטלויפט אין אַן אַנדער שטאַט, זאָל ניט צוליב וועלכן עס איז געזעץ אָדער איינפירונג פון דעם שטאַט, באַפרייט ווערן פון זיין קנעכטשאַפט אָדער געצוואונגענער אַרבעט, און די פּערזאָן זאָל אויסגעליפערט ווערן אויפן פאַרלאַנג פון דעם צו וועמען עס קומט די קנעכשאַפט אָדער צוואַנג־אַרבעט (דער פּונקט איז שפּעטער גע־ענדערט געוואָרן דורך דעם אַמענדמענט 13).

## טייל 3

## איינטריט פון נייע שטאַטן

1. נייע שטאַטן מעגן פון קאָנגרעס אַריינגענומען ווערן אינעם בונד פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער קיין נייער שטאַט זאָל ניט פאָרמירט אָדער געשאַפן ווערן אין די גרענעצן פון אַן אַנדער שטאַט; אויך זאָל קיין שטאַט ניט געשאַפן ווערן דורך דער פאַראייניקונג פון צוויי אָדער מער שטאַטן, אָדער טיילן פון שטאַטן, אָן דער צושטימונג פון דער געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט פון די באַטרעפנדיקע שטאַטן, אַזוי גוט ווי פונעם קאָנגרעס.

2. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט צו פאַרהאַנדלען אַלע נויטיקע רעגעלן און פאַסן אַלע געזעצן בנוגע טעריטאָריעס אָדער אַנדער אייגנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און קיין זאַך אין דער קאָנסטיטוציע זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז עס זאָלן שאַטן די רעכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פון וועלכן ניט איז באַזונדערן שטאַט.

## טייל 4

## גאַראַנטיע פאַר אַ רעפּובליק

די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן גאַראַנטירן צו יעדן איינעם פון די שטאַטן אין לאַנד אַ רעפּובליקאַנישע פאָרם פון רעגירונג, און זאָל יעדן פון זיי באַ־שיצן קעגן אָנפאַלן פון שונא; און אויפן פאַרלאַנג פון דער געזעצגעבנדער קערפּערשאַפט אָדער פונעם עקזעקוטיוו באַאַמטן (ווען די געזעצמאַכנדע קער־פּערשאַפט קען זיך ניט פאַרזאַמלען) קעגן אינערלעכן גוואַלדאַטאַט.

## אַרטיקל 5

## ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע

ווען צוויי דריטל פון ביידע הייזער פון קאָנגרעס וועלן דאָס געפינען פאַר ראַטזאַם, זאָל דער קאָנגרעס פאָרשלאָגן אויסבעסערונגען (אַמענדעמענטס) צו דער קאָנסטיטוציע; אָדער אויפן פאַרלאַנג פון די געזעצמאַכנדע קער־פּערשאַפטן פון צוויי דריטל פון די פאַרשידענע שטאַטן, זאָל דער קאָנגרעס צוזאַמענרופן אַ פאַרזאַמלונג כדי פאָרצושלאָגן אויסבעסערונגען וועלכע זאָלן — אין יעדן פאַל — זיין גילטיק פאַר אַלע צילן און צוועקן אַלס אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע, נאָכדעם ווי די אַמענדמענטס וועלן ראַטיפיצירט ווערן פון די געזעצמאַכנדע קערפּערשאַפטן פון דריי פערטל פון די שטאַטן, אָדער דורך ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען אין דריי פערטל פון די שטאַטן, אָפּהענגיק פון דעם וועלכן מעטאָד פון ראַטיפיקאַציע דער קאָנגרעס וועט פאָרשלאָגן, מיט דעם

באַדינג, אַז קיין אַמענדמענט וואָס וועט געמאַכט ווערן פאַר דעם יאָר איין טויזנט אַכט הונדערט און אַכט (1808) זאָל אויף קיין פאַל ניט באַרירן דעם ערשטן און פערטן פונקט אין דעם ניינטן טייל פונעם ערשטן אַרטיקל; און אַז קיין שטאַט זאָל אָן זיין צושטימונג ניט פאַרלירן די גלייכע רעכט צו שטימען אין סענאַט.

## אַרטיקל 6

## חובות, העכסטע אויטאָריטעט, שבועה

1. אַלע חובות און פאַרפּליכטונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן איידער די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן, זאָלן בלייבן פונקט אַזוי בינדענד פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן אונטער דער קאָנסטיטוציע ווי אונטער דער קאָנפעדעראַציע.

2. די קאָנסטיטוציע און די געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָס וועלן איינגעפירט ווערן, כדי דורכצופירן די קאָנסטיטוציע און אַלע אָפּמאַכן וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן, אָדער וואָס וועלן געשלאָסן ווערן, אונטער די רעכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זאָלן זיין דאָס העכסטע געזעץ פון דעם לאַנד און זיי זיינען בינדענד אויף די ריכטער פון יעדן שטאַט, אומאָפּגעזען פון דעם צי די קאָנסטיטוציע אָדער די געזעצן פון וועלכן עס איז שטאַט וועלן זיין אין קעגנזאַץ.

3. די אויבן דערמאָנטע סענאַטאָרן און די מיטגלידער אין די געזעץ־מאַכנדע קערפּערשאַפטן פון די באַזונדערע שטאַטן, און אַלע געזעץ־דורכפירנדע (עקזעקוטיוו) און געזעץ־פאַרטייטשנדע (לעגיסלאַטיווע) באַאַמטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און פון די באַזונדערע שטאַטן, זאָלן זיין געבונדן דורך אַ שבועה צו אונטערשטיצן די קאָנסטיטוציע; אָבער קיין רעליגיעזער עקזאַמען זאָל קיינמאָל ניט געפאָדערט ווערן אַלס אַ קוואַליפיקאַציע פאַר וועלכן עס איז אַמט אָדער עפנטלעכן פאַרטרעטער אונטער די פאַראייניקטע שטאַטן.

## אַרטיקל 7

## גוטהייסונג און עטאַבלירונג

דאָס גוטהייסן דורך פאַרזאַמלונגען פון ניין שטאַטן זאָל זיין גענוג אייַנצופירן די קאָנסטיטוציע צווישן די שטאַטן, וואָס וועלן דאָסזעלבע די קאָנסטיטוציע ראַטיפיצירן.

דאָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט דער איינשטימיקער הסכמה פון די אָנוועזנדע שטאַטן, דעם זיבעצנטן טאָג פון סעפּטעמבער, אין דעם יאָר 1787, אין דעם צוועלפטן יאָר פון דער אומאָפּהענגיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווי אַ באַשטעטיקונג האָבן מיר דאָ אונטערגעשריבן אונדזערע נעמען.

(די קאָנסטיטוציע איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם 17טן סעפּטעמבער, 1787 דורך דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן, איז גוטגעהייסן געוואָרן דורך די קאָנווענשאָנס פון די פאַרשיידענע שטאַטן אין דער צייט ביז דעם 29טן מאַי, 1790, און איז אַריין אין קראַפט דעם 4טן מערץ, 1789.)

# די דעקלאַראַציע פון רעכט*

## (ביל אָוו ראַיטס)

(די ערשטע צען אויסבעסערונגען („אַמענדמענטס") צו דער קאָנסטיטוציע זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון קאָנגרעס צו די שטאַטן דעם 25סטן סעפּ־טעמבער, 1789, און ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 15טן דעצעמבער 1791)

צוגאַבן צו דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אויסבע־סערונגען, פאָרגעשלאָגן פון קאָנגרעס און ראַטיפיצירט פון די לעגיסלאַטורן פון די באַזונדערע שטאַטן, אין הסכם מיטן פיפטן פונקט פון דער קאָנסטי־טוציע.

פונקט 1

דער קאָנגרעס זאָל ניט שאַפן קיין שום געזעץ, וואָס זאָל איינפירן רע־ליגיע, אָדער פאַרבאָטן די פרייע אויספירונג פון רעליגיע; אָדער באַגרע־נעצן די פרייהייט פון רעדע, אָדער פון פרעסע; אָדער דאָס רעכט פון דעם פאָלק זיך צו פאַרזאַמלען אויף אַ פרידלעכן אופן, אָדער דאָס רעכט צו פאַר־לאַנגען פון דער רעגירונג צו פאַרגיטיקן עוולות.

פונקט 2

אַזוי ווי אַ גוט איינגעשטעלטע מיליציע איז נויטיק פאַר דער זיכערקייט פון אַ פרייער מלוכה, זאָל דאָס רעכט פון דעם פאָלק צו האַלטן און טראָגן גע־ווער נישט באַגרענעצט ווערן.

פונקט 3

קיין סאָלדאַט זאָל אין דער צייט פון פרידן נישט איינקוואַרטירט ווערן אין קיין שום הויז אָן דער צושטימונג פון אייגנטימער, ווי אויך נישט אין צייט פון קריג, סיידן אויף אַן אופן, וואָס איז פאָרגעשריבן פון געזעץ.

פונקט 4

דאָס רעכט פון פאָלק צו זיין געזיכערט מיט זייערע לעבנס, וואוינונגען, דאָקומענטן און חפצים קעגן אומגערעכטע הויז־אונטערזוכונגען און פאַר־כאַפּונגען, זאָל ניט פאַרלעצט ווערן. קיין שום אַרעסט־באַפעל זאָל נישט אַרויס־געגעבן ווערן, סיידן צוליב אַ וואַרשיינלעכער אורזאַך, וואָס איז געשטיצט אויף אַ שבועה, אָדער באַשטעטיקונג. באַזונדערס דאַרף אַזאַ באַפעל פּינקטלעך און גענוי באַצייכענען דאָס פּלאַץ, וואו עס דאַרף געזוכט ווערן און די פּערזאָנען און זאַכן, וואָס דאַרפן פאַרהאַלטן ווערן.

פונקט 5

קיין מענטש זאָל נישט פאַרהאַלטן ווערן אויף אַ מאָרד־קלאַגע, אָדער אַן אַנדער שענדלעכן פאַרברעכן, סיידן אויף אַ באַשולדיקונג, אָדער אָנקלאַגע פון אַ גרענד־דזשורי, חוץ אין פאַלן, וואָס פּאַסירן אין דער אַרמיי, פלאָט אָדער מיליציע, ווען די פּערזאָן געפינט זיך אין דינסט אין צייט פון קריג, אָדער

---

* דער נאָמען „די דעקלאַראַציע פון רעכט" („ביל אָוו רייטס") באַציט זיך בלויז צו די ערשטע 10 אויסבעסערונגען פון דער קאָנסטיטוציע.

בשעת אַ געפֿאַר פֿאַרן פֿאָלק. קיין מענטש טאָר נישט געשטעלט ווערן צוויי מאָל צום געריכט אין געפֿאַר צו פֿאַרלירן זיין לעבן פֿאַרן זעלבן פֿאַרברעכן. אויך טאָר ער נישט געצוואונגען ווערן אין אַ קרימינעלן פּראָצעס צו זיין אַן עדות קעגן זיך אַליין. קיין מענטש טאָר נישט באַרויבט ווערן פֿון זיין לעבן, פֿרייהייט אָדער אייגנטום אָן אַ געהעריקן געריכט־פּראָצעס. קיין פּריוואַט אייגנטום זאָל ניט אַוועקגענומען ווערן פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכן געברויך, אָן אַ גערעכטער פֿאַרגיטיקונג.

## פּונקט 6

אין אַלע קרימינעלע אָנקלאַגעס דאַרף דער באַשולדיקטער געניסן פֿון רעכט פֿון אַ שנעלן און עפֿנטלעכן משפּט פֿאַר אַן אומפּאַרטייאישער דזשורי פֿון שטאַט און געגנט, וואו דאָס פֿאַרברעכן איז פֿאָרגעקומען. די געגנט דאַרף אין פֿאָראויס פֿעסטגעשטעלט ווערן דורכן געזעץ. דער באַשולדיקטער דאַרף אינפֿאָרמירט ווערן וועגן כאַראַקטער און אורזאַך פֿון דער באַשולדיקונג און געשטעלט ווערן פּנים אל פּנים מיטן עדות, וואָס איז קעגן אים. ער איז באַרעכטיקט צו ברענגען דורך צוואַנג עדות, וואָס זיינען צו גונסטן אים און קריגן די הילף פֿון אַן אַדוואָקאַט פֿאַר זיין פֿאַרטיידיקונג.

## פּונקט 7

אין ציווילע פּראָצעסן, וואו די שטרייט־סומע איז מער ווי צוואַנציק דאָלער, זאָל דאָס רעכט פֿון אַ פּראָצעס פֿאַר אַ דזשורי אָנגעהאַלטן ווערן, און קיין שום פֿאַקט, וואָס איז אונטערזוכט געוואָרן פֿון אַ דזשורי, זאָל אויף קיין אַנדער אופֿן נאָכאַמאָל ניט אונטערזוכט ווערן אין קיין שום געריכט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווי בלויז לויט די כללים פֿון די ציווילע רעכט.

## פּונקט 8

קיין צו־גרויסע בעיל זאָל ניט געפֿאָדערט ווערן, קיין צו־גרויסע געלט־שטראָף זאָל ניט אַרויפֿגעלייגט ווערן, ווי אויך קיין גרויזאַמע און אומגעוויינלעכע שטראָף זאָל ניט אָנגעווענדעט ווערן.

## פּונקט 9

דער פֿאַקט וואָס געוויסע רעכט וועלן אויסגערעכנט ווערן אין דער קאָנסטיטוציע, זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָפּלייקענונג אָדער פֿאַרמינערונג פֿון אַנדערע רעכט, וואָס זיינען פֿאַרבליבן ביים פֿאָלק.

## פּונקט 10

די פֿולמאַכט, וואָס איז ניט איבערגעגעבן געוואָרן צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן דורך דער קאָנסטיטוציע, אָדער ניט פֿאַרבאָטן געוואָרן דורך איר צו די באַזונדערע שטאַטן, ווערן רעזערווירט פֿאַר די שטאַטן באַזונדער, אָדער פֿאַרן פֿאָלק.

## פּונקט 11

## באַשרענקונגען פֿון יורידישער מאַכט

די יורידישע מאַכט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז זי זאָל קענען איינשליסן קלאַגעס אין געזעץ אָדער גערעכטיקייט, וועלכע זיינען איינגעפֿירט אָדער אָנגעפֿאַנגען געוואָרן קעגן איינעם

פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון בירגער פון אַן אַנדער שטאַט, אָדער פון בירגער אָדער אונטערטאַנען פון אַ פרעמדער מדינה.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 4טן מערץ, 1894, און ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 8טן יאַנואַר, 1798.)

## פונקט 12

### דערוויילונג פון דעם פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט

די עלעקטאָרס זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין זייערע באַזונדערע שטאַטן און שטימען דורך אַ שטימצעטל פאַר פרעזידענט און פאַר וויצע־פרעזידענט, וויבאַלד אײנער פון די צוויי זאָל ניט זיין קיין איינוואוינער פון דעמזעלביקן שטאַט ווי זיי. זיי זאָלן אָנגעבן אויף זייערע שטימצעטלען דעם נאָמען פון דעם, פאַר וועמען זיי שטימען פאַר פרעזידענט, און אויף אַ באַזונדערן שטימצעטל דעם נאָמען פון דער פערזאָן פאַר וועמען זיי שטימען אַלס וויצע־פרעזידענט; און זיי זאָלן מאַכן באַזונדערע ליסטן פון אַלע פערזאָנען פאַר וועמען זיי האָבן געשטימט פאַר פרעזידענט, און פון אַלע פערזאָנען פאַר וועמען זיי האָבן געשטימט פאַר וויצע־פרעזידענט, און פון דער צאָל שטימען פאַר יעדן; די ליסטע זאָלן זיי אונטערשרייבן און באַשטעטיקן און איבערשיקן פאַרזיגלט צום זיץ־פלאַץ פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַדרעסירט צום פאָרזיצער פון סענאַט. דער פאָרזיצער פון סענאַט זאָל, אין דער אַנוועזנהייט פון סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז, עפענען אַלע באַשטעטיקטע ליסטעס און די שטימען זאָלן דעמאָלט געציילט ווערן. די פערזאָן וואָס קריגט די גרעסטע צאָל שטימען פאַר פרעזידענט זאָל זיין דער פרעזידענט, אויב די צאָל וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָל באַשטימטע עלעקטאָרס; אויב קיין פערזאָן וועט ניט האָבן געקראָגן אַזאַ מאַיאָריטעט, דעמאָלט זאָל דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז דורך אַ שטימצעטל גלייך דערוויילן דעם פרעזידענט פון די דריי פערזאָן, וואָס האָבן געקראָגן די העכסטע צאָל שטימען, אויף די שטימצעטלען פאַר פרעזידענט. אָבער ביים דערוויילן אַ פרעזידענט זאָלן די שטימען גענומען ווערן אויף דער באַזע פון שטאַטן, די פאָרטרעטער פון יעדן שטאַט זאָלן האָבן איין שטימע. אַ קוואָרום פאַר דעם צוועק זאָל באַשטיין פון אַ מיטגליד אָדער מיטגלידער פון צוויי דריטל פון די שטאַטן, און אַ מאַיאָריטעט פון אַלע שטאַטן זאָל זיין נויטיק פאַר דער דערוויילונג. און אויב דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז וועט ניט דערוויילן אַ פרעזידענט, ווען דאָס רעכט פון דערוויילונג איז געפאַלן אויף זיי, פאַר דעם פערטן טאָג פון פאָלגנדיקן מערץ, דעמאָלט זאָל דער וויצע־פרעזידענט דינען אַלס פרעזידענט, אַזוי ווי אין דעם פאַל פון טויט אָדער אַנדערע קאָנסטיטוציאָנעלע ניט צוגעפּאַסטקייטן פון פרעזידענט. דער פערזאָן וואָס האָט די גרעסטע צאָל שטימען אַלס וויצע־פרעזידענט זאָל זיין דער וויצע־פרעזידענט, אויב די צאָל איז אַ מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָל באַשטימטע עלעקטאָרס; און אויב קיין פערזאָן וועט ניט האָבן קיין מאַיאָריטעט שטימען, דעמאָלט זאָל דער סענאַט דערוויילן דעם וויצע־פרעזידענט פון די צוויי קאַנדידאַטן, וואָס האָבן געקראָגן די גרעסטע צאָל שטימען אויף דער

ליסטע. אַ קוואָרום פאַר דעם צוועק זאָל באַשטיין פון צוויי דריטל פון דער גאַנצער צאָל סענאַטאָרן, און אַ מערהייט פון דער גאַנצער צאָל זאָל זיין נויטיק צו דערוויילן. אָבער קיין פערזאָן וואָס איז לויט דער קאָנסטיטוציע אומפּאַסיק צו זיין פרעזידענט, זאָל ניט זיין פּאַסיק פאַר וויצע־פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 9טן דעצעמבער, 1803; דערקלערט ראַטיפיצירט דעם 25טן סעפּטעמבער, 1804.)

## פונקט 13

### טייל 1

### אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי

קיין שקלאַפעריי און קיין געצוואונגענע דינסט, אויסער אַלס שטראָף פאַר אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן די פערזאָן זאָל האָבן געזעצלעך פאַרמשפּט געוואָרן, זאָל ניט עקזיסטירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אין וועלכן עס איז פּלאַץ, וואָס שטייט אונטער דער יוריסדיקציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

### טייל 2

### די מאַכט דורכצופירן דעם אַרטיקל

דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט דורכצופירן דעם אַרטיקל דורך נויטיקע געזעצן.

(פאָרגעשלאָגן פון קאָנגרעס דעם 31טן יאַנואַר, 1865; ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 18טן דעצעמבער, 1865.)

## פונקט 14

### טייל 1

### רעכט פון בירגערשאַפט טאָר ניט באַשרענקט ווערן דורך די שטאַטן

אַלע פערזאָנען וואָס זיינען געבוירן אָדער נאַטוראַליזירט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיינען אונטערוואָרפן אונטער זייער יוריסדיקציע, זיינען בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון די שטאַטן וואו זיי וואוינען. קיין שטאַט זאָל ניט פאַסן אָדער דורכפירן אַ געזעץ, וואָס זאָלן באַשרענקען די רעכט אָדער פרייהייטן פון בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אויך זאָל קיין שטאַט ניט צונעמען פון קיינעם זיין לעבן, פרייהייט, אָדער אייגנטום אָן אַ ריכטיקן פּראָצעס פון געזעץ; אויך זאָל דער שטאַט אין זיינע גרענעצן ניט אָפּזאָגן קיין פערזאָן די גלייכע שוץ פון די געזעצן.

### טייל 2

### פאַרטיילונג פון פאַרטרעטער אין קאָנגרעס

קאָנגרעסלייט זאָלן צוגעטיילט ווערן צו די באַזונדערע שטאַטן לויט דער פּאָלער צאָל איינוואוינער אין יעדן שטאַט, אַחוץ אינדיאַנער, וועלכע צאָלן ניט קיין שטייערן. אָבער ווען דאָס רעכט צו שטימען ביי די וואַלן צו דערוויילן עלעקטאָרס פאַר פרעזידענט אָדער וויצע־פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַר פאַרטרעטער פון קאָנגרעס, פאַר די פאַרטרעטער פון

די לעגיסלאַטיווע אָדער עקזעקוטיווע קערפּערשאַפטן פון דעם שטאַט ווערט צוריקגעהאַלטן פון וועלכע עס איז פון די מענלעכע איינוואוינער פון דעם שטאַט, וועלכע זיינען איין און צוואַנציק יאָר אַלט, און וועלכע זיינען בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער דאָס רעכט ווערט אויף וועלכן אופן באַשרענקט, אַחוץ פאַר אָנטיילנעמען אין אַן אויפשטאַנד אָדער אין אַן אַנדער פאַרברעכן, זאָל די צאָל פון דער פאַרטרעטערשאַפט פון דעם שטאַט פאַרקלענערט ווערן אין דער פּראָפּאָרציע פון דער צאָל פון אַזעלכע מענער־בירגער אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער צאָל מענער בירגער פון 21 יאָר אַלט אין דעם שטאַט.

## טייל 3

## פערזאָנען וואָס זיינען דיסקוואַליפיצירט פון אָנהאַלטן אַן אַמט

קיין פערזאָן זאָל ניט זיין אַ סענאַטאָר אָדער אַ פאַרטרעטער אין קאָנגרעס, אָדער אַן עלעקטאָר פאַר פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט, אָדער אָנהאַלטן אַן אַמט, אַ ציווילן אָדער מיליטערישן, אונטער די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אונטער וועלכן ניט איז שטאַט, וועלכער, האָבנדיק פריער גענומען אַ שבועה אַלס מיטגליד פון קאָנגרעס, אָדער אַלס באַאַמטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אַלס מיטגליד פון געזעצמאַכנדער קערפּערשאַפט פון אַ שטאַט, אָדער אַלס געזעץ־דורכפירנדער אָדער געזעץ־פאַרטייטשנדער באַאַמטער פון וועלכן עס איז שטאַט, צו שטיצן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן — וועט האָבן אָנטייל גענומען אין אַן אויפשטאַנד אָדער בונט קעגן דיזעלבע, אָדער וועט האָבן געגעבן שטיצע און אָנשפּאַר צו זייערע פיינט. אָבער דער קאָנגרעס מעג דורך דער אָפּשטימונג פון צוויי דריטל פון יעדן הויז, אַרונטערנעמען דעם פאַרבאָט.

## טייל 4

די גילטיקייט פון געזעלשאַפטלעכע חובות פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען באַפולמעכטיקט דורכן געזעץ, אַריינרעכענענדיק די חובות וואָס ווערן געמאַכט כדי צו באַצאָלן פּענסיעס און באַלוינונגען פאַר דינסט אין אונטערדריקן אַן אויפשטאַנד אָדער בונט, זאָל ניט אָפּגעפרעגט ווערן. אָבער ניט די פאַראייניקטע שטאַטן און ניט קיין איינצעלנער שטאַט זאָל איבערנעמען אָדער באַצאָלן אַ חוב אָדער פאַרפליכטונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן בשעתן מיטהעלפן אין אַ בונט אָדער אין אַן אויפשטאַנד קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער באַצאָלן פאַרגיטיקונג פאַרן פאַרלוסט אָדער באַפרייאונג פון אַ שקלאַף; און אַלע אַזעלכע שולדן, פאַרפליכטונגען און פאָדערונגען זאָלן געהאַלטן ווערן אַלס אומגעזעצלעך און בטל.

## טייל 5

## די מאַכט דורכצופירן דעם אַרטיקל

דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט צו צווינגען די דורכפירונג פון דעם אַרטיקל דורך פּאַסיקע געזעצן.

(פאַרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 13טן יוני, 1866 ; ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 28טן יולי, 1868.)

## פונקט 15
### טייל 1
### שטימרעכט פאַר נעגער

דאָס רעכט פון די בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו שטימען זאָל ניט אָװעקגענומען װערן אָדער באַשרענקט װערן דורך די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער פון אַן אײנצעלנעם שטאַט צוליב ראַסע, קאָליר, אָדער פריערדיקן צו־שטאַנד פון שקלאַפערײ.

### טייל 2

דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט צו צװינגען דאָס דורכפירן פון דעם אַרטיקל דורך פּאַסיקע געזעצן.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 26סטן פעברואַר, 1869; ראַטיפיצירט געװאָרן דעם 30סטן מערץ, 1870.)

## פונקט 16
### אַטאָריזירט אויפזאַמלען אײנקונפט־שטײערן

דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט אַרויפצולײגן און אויפצוזאַמלען שטײערן אויף הכנסות פון װעלכן עס איז קװאַל, אָן אַ פּראָפּאָרציאָנעלער באַ־שטימונג צװישן די פאַרשידענע שטאַטן, ניט רעכנדיק זיך מיט קײן צענזוס אָדער פאָלקס־צײלונג.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 12טן יולי, 1909; ראַטיפיצירט גע־װאָרן דעם 25טן פעברואַר, 1913.)

## פונקט 17
### פאָלקס־װאַלן פון סענאַטאָרן

1. דער סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל באַשטײן פון צװײ סענאַטאָרן פון יעדן שטאַט, װעלכע זאָל דערװײלט װערן פון פאָלק פון יעדן שטאַט, אויף אַ טערמין פון זעקס יאָר; און יעדער סענאַטאָר זאָל האָבן אײן שטימע. די װײלער פון יעדן שטאַט זאָלן האָבן די קװאַליפיקאַציעס, װאָס װערן געפאָדערט פון װײלער פון דער לעגיסלאַטיװער קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט, װאָס האָט די גרעסטע צאָל מיטגלידער.

2. װען עס װערט לײדיק אַ פּלאַץ פון אַ פאַרטרעטער פון אַ שטאַט אין סענאַט, זאָל דער עקזעקוטיװער באַאַמטער (גאָװערנאָר) פון דעם שטאַט דער־קלערן װאַלן, כדי אויסצופילן דאָס פּלאַץ; מיטן באַדינג, אַז די לעגיסלאַ־טיװע קערפּערשאַפט פון דעם שטאַט מעג באַפולמעכטיקן דעם עקזעקוטיװן באַאַמטן צו מאַכן אַ צײטװײליקע באַשטימונג ביז דאָס פאָלק װעט אויספילן די אָפּגעלײדיקטע פּלעצער דורך די װאַלן, װי די לעגיסלאַטיװע אָפּטײלונג װעט באַשטימען.

3. דער אַמענדמענט זאָל ניט אויסגעטײטשט װערן אַזױ, אַז עס זאָל װירקן אויף דער דערװײלונג אָדער דעם טערמין פון אַ סענאַטאָר, װאָס איז דערװײלט געװאָרן אײדער דער אַמענדמענט װעט אַרײן אין קראַפט װי אַ טײל פון דער קאָנסטיטוציע.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 13טן מאַי, 1912; ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 31טן מאַי, 1913).

## פונקט 18

### טייל 1

### נאַציאָנאַלער פאַרבאָט אויף שטאַרקע געטראַנקען

איין יאָר נאָך דער ראַטיפיצירונג פון דעם אַרטיקל, זאָל דאָס פאַבריצירן, פאַרקויפן, אָדער איבערשיקן פון פאַר'שיכור'נדיקע געטראַנקען, און דאָס אימפּאָרטירן און עקספּאָרטירן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און יעדער טעריטאָריע אונטער זייער יוריסדיקציע פאַר געטראַנק־צוועקן זיין פאַרבאָטן.

### טייל 2

### די מאַכט דורכצופירן דעם אַרטיקל

דער קאָנגרעס צוזאַמען מיט די שטאַטן זאָלן האָבן די מאַכט דורכצופירן דעם פונקט מיט פאַסנדע געזעצן.

### טייל 3

### גוטהייסונג אין פאַרלויף פון זיבן יאָר

דער פונקט זאָל ניט זיין גילטיק, סיידן ער וועט ראַטיפיצירט ווערן ווי אַן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע דורך די לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפטן פון די פאַרשידענע שטאַטן, אין פאַרלויף פון זיבן יאָר פון דעם טאָג, וואָס דער קאָנגרעס וועט, לויט די פאַרשריפטן פון דער קאָנסיטוציע, דעם פונקט איבערגעבן צו די שטאַטן.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 18טן דעצעמבער, 1917; ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 29טן יאַנואַר, 1919.)

## פונקט 19

### שטימרעכט פאַר פרויען

1. דאָס רעכט פון בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו שטימען זאָל ניט ווערן אָפּגעזאָגט אָדער באַגרענעצט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער פון קיין איינצלנעם שטאַט צוליב געשלעכט.

2. דער קאָנגרעס זאָל האָבן די מאַכט דורכצופירן דעם אַרטיקל דורך פאַסיקע געזעצן.

(פאָרגעשלאָגן פון קאָנגרעס דעם 4טן יוני, 1919; ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 26טן אויגוסט, 1920.)

## פונקט 20

### טייל 1

### טערמינען פון אַמט

דער טערמין פון פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט זאָל זיך ענדיקן אין מיטן טאָג פון 20טן יאַנואַר, און די טערמינען פון סענאַטאָרן און קאָנגרעס־לייט אין דער מיט פון דעם דריטן טאָג אין יאַנואַר, אין די יאָרן ווען אַזעלכע טערמינען וואָלטן זיך געווען געענדיקט, אויב דער אַמענדמענט וואָלט ניט ראַטיפיצירט געוואָרן; און די טערמינען פון זייערע נאָכפאָלגער זאָלן זיך דעמאָלט אָנהויבן.

## טייל 2

### די צייט פון פאַרזאַמלען דעם קאָנגרעס

דער קאָנגרעס זאָל זיך צונויפזאַמלען צום ווייניקסטנס איין מאָל אין יעדן יאָר, און אַזאַ צוזאַמענקונפט זאָל זיך אָנפאַנגען אין מיטן פון דעם דריטן טאָג אין יאַנואַר, סיידן זיי וועלן געזעצלעך באַשטימען אַן אַנדערן טאָג.

## טייל 3

### טויטנפאַל פון ניי-דערוויילטן פרעזידענט

אויב דער דערוויילטער פרעזידענט זאָל שטאַרבן אַרום דער צייט וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אָנהייב פון פרעזידענט-טערמין, זאָל דער דערוויילטער וויצע־פרעזידענט ווערן פרעזידענט. אויב אַ פרעזידענט איז ניט דערוויילט געוואָרן פאַר דער צייט וואָס איז באַשטימט אַלס דער אָנפאַנג פון זיין טערמין, אָדער אויב דער דערוויילטער פרעזידענט האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט קוואַליפיצירט, דעמאָלט זאָל דער דערוויילטער וויצע־פרעזידענט דינען אַלס פרעזידענט ביז אַ קוואַליפיצירטער פרעזידענט וועט פאַרנעמען דעם אַמט; און דער קאָנגרעס קען דורך געזעצן באַשטימען וואָס עס זאָל געשען אין פאַל ביידע, דער דערוויילטער פרעזידענט און דער דערוויילטער וויצע פרעזידענט זאָלן זיין ניט קוואַליפיצירט, באַשטימען ווער עס זאָל דעמאָלט פאַרנעמען דעם אַמט פון פרעזידענט, אָדער באַשטימען דעם אופן לויט וועלכן עס זאָל דערוויילט ווערן אַזעלכער, וואָס זאָל דעם אַמט פאַרנעמען, און דער פערזאָן זאָל זיין דער שטעל־פאַרטרעטער ביז אַ פרעזידענט אָדער וויצע־פרעזידענט וועט קוואַליפיצירט ווערן.

## טייל 4

### דערוויילונג פון אַ פרעזידענט

דער קאָנגרעס קאָן דורך געזעצן באַשטימען וואָס צו טאָן אין פאַל עס שטאַרבט עמיצער פון די פערזאָנען פון וועמען דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז מעג אויסקלייבן אַ פרעזידענט, ווען דאָס רעכט פון דערוויילונג פאַלט אויף זיי, און אין פאַל פון טויט פון וועלכן עס איז פון די פערזאָנען פון וועלכע דער סענאַט מעג אויסקלייבן אַ וויצע־פרעזידענט, ווען דאָס רעכט פאַר אַזאַ דערוויילונג פאַלט אויף זיי.

## טייל 5

### די צייט ווען טיילן 1 און 2 זאָלן אַריין אין קראַפט

די טיילן 1 און 2 זאָלן אַריינטרעטן אין קראַפט דעם 15טן טאָג פון אָקטאָבער, נאָך דער ראַטיפיצירונג פון דעם אַרטיקל.

## טייל 6

### גילטיקייט אין פאַרלויף פון זיבן יאָר

דער אַרטיקל זאָל ניט אַריינטרעטן אין קראַפט, סיידן ער וועט ראַטיפיצירט ווערן ווי אַן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע דורך די לעגיסלאַטיווע קערפערשאַפטן פון דריי־פערטל פון די שטאַטן אין משך פון זיבן יאָר פון דער צייט וואָס ער איז צו זיי איבערגעגעבן געוואָרן.

(פאָרגעשלאָגן אין קאָנגרעס דעם 2טן מערץ, 1932; ראַטיפיצירט געוואָרן דעם 6טן פעברואַר, 1933).

## פונקט 21

### טייל 1

### נאציאנאלער פארבאט אויף שטארקע געטראנקען ווערט צוריקגעצויגן

דער אכצנטער אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניקטע שטאטן ווערט דורך דעם פונקט צוריקגעצויגן.

### טייל 2

### די טראנספארטאציע פון שטארקע געטראנקען אין די „טרוקענע״ שטאטן

דאס טראנספארטירן אדער אימפארטירן אין וועלכן עס איז שטאט, טעריטאריע, אדער געגנט, וואס איז אונטער דער יוריסדיקציע פון די פאראייניקטע שטאטן פון פארשיכורנדיקע געטראנקען, כדי זיי דארטן אפשטעלן, אדער זיך מיט זיי באנוצן — אויב דאס איז אין פארלעצונג פון די שטאט־געזעצן, איז פארבאטן.

### טייל 3

### גוטהייסונג אין פארלויף פון זיבן יאר

דער ארטיקל זאל ניט אריינטרעטן אין קראפט, סיידן ער וועט ראטיפיצירט ווערן ווי אן אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע דורך פארזאמלונגען פון די באזונדערע שטאטן, לויט דעם פארשריפט פון דער קאנסטיטוציע, אין משך פון זיבן יאר פון דער דאטע וואס דאס וועט פון קאנגרעס איבערגעגעבן ווערן צו די שטאטן.

(פארגעשלאגן אין קאנגרעס דעם 20טן פעברואר, 1933 ; ראטיפיצירט געווארן דעם 5טן דעצעמבער, 1933.)

## פונקט 22

### באגרענעצונג פון טערמין פון פרעזידענט

### טייל 1

קיין פערזאן זאל ניט אויסגעקליבן ווערן צום אמט פון פרעזידענט מער ווי צוויי מאל, און קיין פערזאן וואס האט אנגעהאלטן דעם אמט פון פרעזידענט, אדער אויסגעפירט די אויפגאבע פון פרעזידענט, מער ווי צוויי יאר פון א טערמין צו וועלכן אן אנדערע פערזאן איז דערוויילט געווארן, זאל ניט דערוויילט ווערן צום פרעזידענט־אמט מער ווי איין מאל. אבער דער פונקט זאל זיך ניט באציען צו קיין שום פערזאן וואס האלט אן דעם אמט פון פרעזידענט, בעת דער אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע איז פארגעשלאגן געווארן פון קאנגרעס, און דער פונקט זאל ניט פארווערן קיין שום פערזאן וועלכער האלט אן דעם פרעזידענט־אמט, אדער פירט אויס דעם פרעזידענטס מאכט, אין דעם טערמין וואס דער פונקט גייט אריין אין קראפט, פון אנהאלטן דעם אמט פון פרעזידענט אדער אויספירן די אויפגאבע פון פרעזידענט ביזן סוף פון טערמין.

### טייל 2

דער פונקט זאל ניט אריין אין קראפט ביז ער וועט ניט ראטיפיצירט ווערן ווי אן אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע דורך די לעגיסלאטורן פון דריי־פערטל פון די שטאטן אין א משך פון זיבן יאר פון דער צייט וואס דער קאנגרעס האט אים איבערגעגעבן צו די שטאטן פאר ראטיפיקאציע.

# די פּראָקלאַמאַציע פון עמאַנציפּאַציע

## יאַנואַר 1, 1863

### דורך דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע
### אַ פּראָקלאַמאַציע

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דעם 22טן סעפּטעמבער, 1862, האָט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט צווישן אַנדערע זאַכן אַנטהאַלטן דאָס פאָלגנדיקע:

„אַז דעם ערשטן טאָג פון יאַנואַר, 1863, זאָלן אַלע מענטשן, וואָס ווערן געהאַלטן ווי שקלאַפן אין וועלכן עס איז שטאַט, אָדער אַ באַשטימטן טייל פון אַ שטאַט, וועמעס באַפעלקערונג וועט זיך דעמאָלט געפינען אין רעוואָלט קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן — ווערן פריי פון יענעם טאָג אָן און אויף אייביק, און אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איינשליסנדיק איר מיליטערישע און פלאָטן־מאַכט, זאָל אַנערקענען און אָפּהיטן די פרייהייט פון אָט די מענטשן, און זאָל ניט באַגיין קיין שום אַקט אָדער אַקטן, וואָס זאָלן צוריקהאַלטן אַזעלכע פּערזאָנען אין וועלכן עס איז פּרואוו, וואָס זיי וועלן מאַכן צו געווינען זייער פאַקטישע פרייהייט.

„אַז דער פּרעזידענט זאָל דעם ערשטן טאָג אין יאַנואַר פון אויבן דערמאָנטן יאָר דורך אַ פּראָקלאַמאַציע באַשטימען די שטאַטן, אָדער טיילן פון שטאַטן, אין וועלכע די באַפעלקערונג וועט זיך דעמאָלט געפינען אין אַ צושטאַנד פון רעוואָלט קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן, און דער פאַקט, אַז וועלכער עס איז שטאַט אָדער די באַפעלקערונג פון דעם שטאַט וועט יענעם טאָג זיין פאַרטראַטן אויף אַן ערנהאַפטן אופן אין קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן דורך קאָנגרעסלייט, דערוויילט דורך וואַלן אין וועלכע אַ מאַיאָריטעט פון די קוואַליפיצירטע וויילער פון די געגעבענע שטאַטן וועט זיך האָבן באַטייליקט, זאָל — אין דער אָפּוועזנהייט פון שטאַרקע קעגן־באַווייזן — גערעכנט ווערן ווי אַן ענדגילטיקער באַווייז, אַז אַזאַ שטאַט און די באַפעלקערונג פון דעם שטאַט געפינען זיך ניט אין אַ צושטאַנד פון רעוואָלט קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן“.

דעריבער טו איך, אייבראַהעם לינקאָלן, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דורך דער פולמאַכט, וואָס איז מיר אָנגעטרויט געוואָרן ווי דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי און פון דעם פלאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער צייט פון פאַקטישן באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער מלוכה־מאַכט און דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ווי אַ פּאַסיק און נויטווענדיק מלחמה־מיטל צו אונטערדריקן דעם דערמאָנטן אויפשטאַנד — און אין פולן הסכם מיט מיין אַבזיכט אַזוי צו האַנדלען (ווי דאָס איז עפנטלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף אַ פולן משך פון 100 טעג פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איז דאָ אויבן דערמאָנט געוואָרן) — עפנטלעך

דערקלערן, באַפעלן און באַשטימען אין דעם ערשטן טאָג פון יאַנואַר, 1863, די שטאַטן און טיילן פון שטאַטן וועמעס באַפעלקערונג געפינען זיך היינטיקן טאָג אין אויפשטאַנד קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי פאָלגט:

אַרקאַנסעס, טעקסעס, לואיזיאַנא (אַחוץ די געמיינדעס סעינט בער־נאַרד, פּלאַקעמינעס, דזשעפערסאָן, סעינט דזשאָן, סעינט טשאַרלז, סעינט דזשעימס, אַסענשאָן, אַסאַמפשאָן, טערעבאָן, לאַפורוש, סעינט מערי, סעינט מאַרטען און אָרלעאַנס, איינשליסנדיק די שטאָט ניו־אָרלעאַנס), מיסיסיפּי, אַלאַבאַמאַ, פלאָרידאַ, דזשאָרדשיאַ, סאַוטה קאַראָליינאַ, נאָרט קאַראָליינאַ און ווירדזשיניאַ (אַחוץ די 48 באַצירקן, וואָס זיינען באַקאַנט ווי וועסט ווירדזשיניאַ און אויך די באַצירקן פון בערקלי, אַקאָמאַק, נאָרט האַמפּטאָן, עליזאַבעט סיטי, יאָרק, פּרינסעס ען און נאָרפאָלק, איינשליסנדיק די שטעט נאָרפאָלק און פּאָרטסמאַוט) — די אַלע אויסנאַם־טיילן בלייבן דער־ווייל ניט געריירט, אַקוראַט ווי די פּראָקלאַמאַציע וואָלט גאָרניט אַרויס־געגעבן געוואָרן.

און דורך דער פולמאַכט און פאַר דעם צוועק וואָס איז פריער דער־מאָנט געוואָרן, טו איך באַפעלן און דערקלערן, אַז אַלע מענטשן וואָס ווערן געהאַלטן ווי שקלאַפן אין די דערמאָנטע שטאַטן אָדער טיילן פון שטאַטן, זיינען און וועלן פון איצט אָן און ווייטער זיין פריי און אַז די אויספירנ־דיקע רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איינשליסנדיק זייער מיליטער־רישע און פלאָטן־מאַכט, וועט אָנערקענען און אָפּהיטן די פרייהייט פון אָט די מענטשן.

און איך טו אויך באַפעלן די פערזאָנען וואָס זיינען דערקלערט גע־וואָרן פריי, אַז זיי זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון יעדן גוואַלד־טאַט, סיידן אין נויטוועגדיקער זעלבסט פאַרטיידיקונג, און איך רעקאָמענדיר זיי, אַז וואו זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט זאָלן זיי געטריי אַרבעטן פאַר יושרדיקע שכירות.

און איך טו ווייטער דערקלערן און איך לאָז וויסן, אַז אַזעלכע פער־זאָנען אין פּאַסיקן צושטאַנד וועלן אַריינגענומען ווערן אין דער באַוואָפנ־טער דינסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין די גאַרניזאָנען פון פעס־טונגען, מיליטערישע פּאָזיציעס, אַרמיי־סטאַנציעס און אַנדערע פּלעצער, און אין דער מאַנשאַפט פון פאַרשידענע שיפן פון דער דערמאָנטער דינסט.

און אויף דעם אַקט, וואָס איך גלייב געוויסנהאַפטיק, אַז ער איז אַן אַקט פון גערעכטיקייט, באַרעכטיקט פון דער קאָנסטיטוציע ווי אַ מילי־טערישע נויטווענדיקייט, טו איך בעטן דעם איבערלייגטן אורטייל פון דער מענטשהייט און דעם לייטזעליקן גנאָד פון אַלמעכטיקן גאָט.

# געטיסבורג אַדרעס

## פון איבערהעם לינקאָלן

(געהאַלטן דעם 19טן נאָוועמבער, 1863, אויפן בית־עולם
אין געטיסבורג, ווירדזשיניא)

מיט אַכט צענדליק און זיבן יאָר צוריק, האָבן אונדזערע פאָטערס באַשאַפן אויף דעם קאָנטינענט אַ נייע מלוכה, פאַרטראַכט אין פרייהייט און זי געהייליקט צו דעם באַגריף, אַז אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן גלייכע.

איצט זיינען מיר פאַרטאָן אין אַ גרויסן בירגער־קריג, וואָס פּרואווט אויס צי די מלוכה, אָדער בכלל אַ מלוכה, אַזוי אויפגעפּאַסט און מיט אַזאַ שליחות, קאָן לאַנג באַשטיין. מיר זיינען פאַרזאַמלט אויף אַ גרויס שלאַכטפעלד פון אָט דער מלחמה. מיר זיינען פאַרזאַמלט צו הייליקן אַ טייל זיינעם ווי דאָס לעצטע רו־אָרט פאַר די, וואָס האָבן דאָ אָפּגעגעבן זייערע לעבנס, כדי די מלוכה זאָל קאָנען לעבן בלייבן. עס איז דורכאויס פּאַסיק און רעכט, אַז מיר זאָלן עס טאָן.

אָבער אין אַ ברייטערן זין, קאָנען מיר ניט ווידמען, קענען מיר ניט פאַרהערלעכן, קאָנען מיר ניט הייליקן אָט דאָס פעלד. די מוטיקע מענער, די לעבעדיקע און די טויטע, וואָס האָבן דאָ געקעמפט, האָבן עס געהייליקט ווייט איבער אונדזערע אָרעמע כוחות צוצוגעבן אָדער צו מינערן.

די וועלט וועט ווייניק וואָס מערקן און ניט לאַנג געדענקען, וואָס מיר זאָגן דאָ, זי קאָן אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס זיי האָבן דאָ געטאָן. גיכער דאַרפן מיר, די לעבעדיקע, זיך דאָ אַליין ווידמען צו דער אומפאַרענדיקטער אַרבעט, וואָס זיי האָבן ביז איצט אַזוי גרויסמוטיק דורכגעטראָגן. גיכער דאַרפן מיר זיך דאָ הייליקן צו דעם גרויסן ציל וואָס בלייבט פאַר אונדז, אַז פון די רומפולע געפאַלענע זאָלן מיר שעפן פאַרשטאַרקטע איבערגעבנקייט צו דעם אידעאַל, וואָס זיי האָבן אים דאָ אַרויסגעוויזן די לעצטע פולע מאָס איבערגעבנקייט, אַז מיר זאָלן דאָ פייערלעך באַשליסן אַז אָט די טויטע זאָל ניט האָבן געשטאָרבן אומנישט, אַז די מלוכה זאָל, מיט גאָטס הילף, דערלעבן אַ ניי געבורט פון פרייהייט און אַז די הערשאַפט פון דעם פאָלק, דורכן פאָלק און פאַרן פאָלק זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון דער ערד.

# Our Democratic Heritage



אייברעהעם לינקאָלן



פרעדריק דאגלעס

★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★★

דער פאַמפלעט „אונדזער דעמאָקראַטישע ירושה" איז דער ערשטער פון אַ סעריע פאמפלעטן אין אידיש און אין ענגליש, וואָס דער „אידישער פאַר־לאַג־און פאָרשונגס־קאָמיטעט" הייבט איצט אָן אַרויסצוגעבן.

אין אידיש וועט דער קאָמיטעט אַרויסגעבן פאמפלעטן וועגן דער אַמע־ריקאַנער געשיכטע, וועגן דער געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע, ביאָ־גראַפיעס פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן אין אידישן און אין אַלגעמיינעם לעבן, און אַנדערע.

די ענגלישע סעריע פאמפלעטן וועט דער עיקר צילן צו באַקאָנען דעם ענגליש־רעדנדיקן אידן מיט דער אידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער, מיט פראָבלעמען פון דער אידישער קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מוסטערן פון דער אידישער ליטעראַטור אויף ביידע זייטן ים א. אַז. וו.

דער פאַרלאַג האָפט אויך אַרויסצוגעבן פאמפלעטן און גרעסערע ווערק אויף אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע טעמעס, וואָס רירן אָן די אַמעריקאַנער אידן, זייער לעבן און צוקונפט.

**אידישער פאַרלאַג־און פאָרשונג־קאָמיטעט**